STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03419

DER HAMAN SHEBE-HAMAN'S

Henry Drimer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער המן שב׳המנ׳ס

מיט זיינע אַדיוטאַנטן

אָדער

די טרייפענע ליבע פון שוראַך פון באַלדאַד

אַ פורים-שפיל פון פאַרצייטן, ווען די בני-ישראל זיינען געווען
אין אַן עת צרה, און ווי דער בורא-עולם האָט באַפרייט
זיין פאָלק ישראל אין דער רעכטער צייט און האָט
געשיקט אַ מפלה אויף דעם שונא-ישראל מיט
זיין גאַנצער חברותא, אַזאַ סוף זאָל
קומען אויף אַלע שונאי ישראל
כן יהי רצון אָמן ואָמן

פאַרפאַסט מיט געזאַנגען און טענץ
פון
הקטן ר׳ הערשעלע

צוגעפאַסט לויטן היינטיקן שטייגער
פון

ה. דרימער

פאַרלאַג „אַמעריקע״, ניו-יאָרק

Copyright 1944
by
HENRY DRIMER
3726 Maple Avenue, Brooklyn 24, N. Y.

אויפפירן אָדער איבערזעצן דאָס גאַנצע בוך אָדער אַ טייל דערפון איז ניט
דערלויבט אָן דעם פאַרפאַסערס הסכמה.

דאָס טיטלבלאַט איז געצייכנט פון דעם קינסטלער
צבי (הערבערט) קרוקמאַן

מעלאָדיעס פאַר די לידער זיינען פאַראַן ביים פאַרפאַסער.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
New York, N. Y.
255

הקדמה

קיין טריאַטער וועט ניט שפּילן,
זינגען וועט קיין באַלאַגאַן.
ניט געשפּילט און ניט געזונגען —

ערשטער אַקט

דער אינעווייניקסטער פּאַרהאַנג איז די **רעפּראָדוקציע פון** טיטול בלאַט. ווען דער פּאַרהאַנג הייבט זיך אויף הערט מען פון דער פינצטער אַרויס דאָס קול פון אַ **מגילה לייענער:** „ויהי בימי אחשורוש". ער לייענט מיטן ניגון דעם ערשטן פּסוק און ברומט צו ביז צום פּלאַץ וואו המנ׳ס נאָמען ווערט דערמאָנט. עס הערט זיך גראַגערן און קלאַפּן. דאָס שטאַרבט אָפּ פּאַוואָליע און עס ווערט לאַנגזאַם ליכטיק. דעמאָלט דער־זעט מען די פור פון די **פאַרשטעלערס** אויף וועלכער עס זיצן דער **באַלעגאָלע** און אַ טייל פון די **פאַרשטעלער.**

(פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס קול פון יינגל)

דאָס קול

אַ־האַ! אַ־האַ! וואוהין פאָרן דאָס יידן?

(די פאַרשטעלערס הערן זיך איין)

אַ פאַרשטעלער

דאָס קול איז יידיש, אָבער די ווערטער זיינען פרעמד.

באַלעגאָלע

וואַרטן אפשר גאָר אויף אים?

אָלע

ווער׳ט דאָס וואַרטן — ווען מען אַרט עס —

חלפתא

וואַרט אַ ווילע, קיינער טרייבט ניט, פאָרט אַ ייד.

באַלעגאָלע

בין איך אויך צופרידן.

פאַרשטעלער

אַן עסק מיר וואַרטן, פאַר אַ ליאַדע יינגל זיך אָפּהאַלטן אין וועג און דאַרטן וואַרט מען ערשט. בנאמנות, איך פאַרשטיי איך ניט. (קוקט

אין דער ווייטנס) אַ ייִנגל איז עס און אַ מיידל, ער אין אַ היטל, און זי —

באַלעגאָלע

אַ דאגה דיר, אַ כלה אוודאי גייט שפּאַצירן מיטן חתן.

פֿאַרשטעלער

אלץ ביי דיר אַ כלה. אַ כלה גייט אַוועק דאָ אַט אַזוי?

אַלע

ביי אים אַלץ אַ כלה.

איינער

(צעזינגט זיך)

כלהניו, כלהניו, וויין: אוי וויין
ווייל דו גייסט צו דער חופּה אַליין, אַליין,
ווייל דיין טאַטע מאַמע
אין דער רעכטער צייט סאַמע
לאָזן דיך אַליין אַוועקגיין.

פֿאַרשטעלערס

(לאַכן האַרציק) האָט ער שוין אַ ניי לידל. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק ווערט ביי אים אַ ניי לידל.

דער זינגער

(זייער וואַזשנע) נישט דאָנערשטיק, נאָר נישט דאָנערשטיק עס איז אַ שלעכטער טאָג איז דאָנערשטיק.

אַן אַנדערער

אַט איז פֿאַראַן אַ שטייגער גרין דאָנערשטיק.

דער זינגער

אַט טאַקע דערפֿאַר, טאַקע דערפֿאַר, לאָמיר בעסער זינגען אַלע אינ־איינעם דעם נייעם זמר. הייבט אָן. (זיי נעמען זיך זינגען)

דאָס קול

(פֿון ווייטן, אָבער שוין נעענטער) אַ־האַ, אַ־האַ! וואוהין פֿאָרן יידן?

פֿאַרשטעלערס

נעם טרייבן.

באַלעגאָלע

(אין כעס).

ווי קענט איר פֿון אַ ייִדן ביז אַ יידן קלייבן,

קיין שופט זיין זאָל זיך קיינער ניט דערוועגן!
ווייל צום שורש צוריק פירן אַלע וועגן.

חלפתא

(זיפצט אָפּ)
אוי! —פירן אַלע וועגן, גלייכע, קרומע —
ווער קען דאָס שאַצן אַ יידישע נשמה.
(עס ווערט אַ טומל, אַלע ריידן)

אַלע

מיר ווילן ניט, — שיקט זיי אַוועק — הייסט זיי גיין צו אַנדערע —

באַלעגאָלע

שאַ — זאָל זיין שאַ! — (וואַרטן)
עס קומען אַריין דאָס יינגל און דאָס מיידל, ער איז זעכצן און זי איז פופצן יאָר אַלט, ער איז שלאַנק און בלאָנד, זי איז קורץ — לייביק און טונקל. ביידע זיינען אָנגעטאָן ווי טיראָלער באַרג־קלעטערערס.

דאָס יינגל

(מיט פרייד) אוי, טאַקע יידן, ווי איך לעב, פאַרט איר ווייט?

באַלעגאָלע

אָט, ניט ווייט, יונגערמאַן, מיר פאָרן נאָר קיין זאַלעסעווקע, אויף יענער זייט וואַלד, פאַרשטעלערס זיינען מיר, יידישע בחורים, וואָס מאַכן לצנות. איר פאַרשטייט דאָך —

יינגל

(אין פאַרלעגנהייט) ניט גענוי — אָבער אייערע ווערטער זינגען זיך ווייך און גוט.

באַלעגאָלע

יידישע ווערטער, ביי אונדז ריידן אַלע דעם לשון.

יינגל

זיינען פאַראַן יידן אין זאַלעסעווקע?

פאַרשטעלערס

(שיסן אַרויס אַ געלעכטער)

באַלעגאָלע

וואָס לאַכט איר, נאַראָנים, אַז אַ בחור וויס ניט. איר זעט דאָך אַז ער איז אַ פרעמדער.

חלפתא

נו, מען דאַרף זיך צונויפרוקן. רוקט זיך חברה, מאַכט פּלאַץ.

באַלעגאָלע

וואָרט — איר זייט דאָךביידע — ווי זאָגט מען דאָס — ביידע יידישע קינדער?

דאָס מיידל

(פּלאַצט אַרויס) און אויב ניט, טאַ איז וואָס? די אַנדערע זיינען ניט אַזוינע פיינע מענטשן ווי איר?

באַלעגאָלע

(שטימט צו) פיינע מענטשן, אַלע יידן.

פאַרשטעלערס

נו, וואָס האָבן מיר דיר געזאָגט, זעסט, זעסט —

באַלעגאָלע

זאָל זיין אַזוי —

מיידל

איר האָט געבויט אַרום זיך אַ וואַנט —

באַלעגאָלע

(שטימט צו) אַ וואַנט —

יינגל

(בעט זיך ביי איר) שווייג, שווייג, מיר זיינען דאָך אין וועג — און פרעמדע דאָ.

מיידל

(היסטעריש) איך וויל ניט שווייגן! — איר שליסט זיך אָפּ אוןווילט קיינעם ניט אַריינלאָזן —

באַלעגאָלע

ניט אַרויסלאָזן, מיין קינד.

מיידל

צעברעכט אייער תפיסה, ווערט פריי! זאָלן די פרייע ווינטן פון דער וועלט אויסרייניקן די פאַרשטיקטע לופט.

באַלעגאָלע

אַ מחיה אונדזער לופט.

מיידל

וואָס פאַרפעסטעט די מוחות!

יינגל

(בעט זיך) מאַכט זיך ניט פון איר, זי מיינט עס גאָר ניט.

מיידל

איך מיין עס, איך מיין עס! עס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג.

באַלעגאָלע

נו, מילא. איך פאַרשטיי סיי ווי ניט וואָס איר זאָגט. דערווייל כאַפּט זיך אַרויף ביידע. אַ חתן מיט אַ כלה?

יינגל

נאָר אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

באַלעגאָלע

אויב אַזוי, איז עס דאָך גאָר יידישלעך.

פאַרשטעלערס

אויב אַזוי — רוקט זיך בחורים — רוקט זיך — רוקט זיך — מאַך פּלאַץ. (עס ווערט אַ געדרוקעריי אויף דעם וואָגן)

חלפתא

און וואו וועט מען זעצן דעם קליינעם ממזרל?

באַלעגאָלע

אוי־ווי, טאַקע זע ווי מען האָט פאַרגעסן. (עס הערט זיך דאָס זשומען פון אַן עראָפּלאַן).

אַלע

(פּאַכן מיט די הענט) קום אַרונטער — קום! אָט דאָ זיינען מיר! קום — קום! ער קומט — אָט קומט ער — ער לאָזט זיך אַרונטער.
(פון אויבן לאָזט זיך אַרונטער דער קליינער עלטסטערל, מיט אַן אויפֿגעמאַכטן פּאַראַשאָלקעלע אין האַנט. ער איז אָנגעטאָן אין אַפּיצערסקע קליידער, אַן אַ היטל, און ער בלייבט שטיין אין אַ פּאָזע ווי נאַפּאָלעאָן מיט אַ פּאַראַסאָל. אַלע צעלאַכן זיך, קלאַפּן אים אין פּלייצע און זיינען גאָר פריינטלעך).
אָט ביסטו דאָך, דו קליינער ממזר — הער אַ געדאַנק!

דער עלטסטערל

(מאַכט עטלעכע מיליטערישע שריט און טאַנצט עטלעכע עקיגע פיגורן)
חברים און פריינט
איך האָב פאַרשפּעטיקט זיך היינט,
געבליבן פאַר אַ ווילע, האָט די צייט זיך פאַרצויגן,
האָב איך ניט געזשאַלעוועט און געקומען געפלויגן.

איינס! צוויי! דריי!
לאָמיר פאָרן אויפ'ס ניי,
צי אום צי גראָד,
לאָמיר פאָרן צו א שטאָט
איך האָב ניט מער צו זאָגן,
לאָמיר אַרויף אויפן וואָגן.

אַלע

(לאַכן און האָבן גרויס הנאה פון אים)

באַלעגאָלע

חברה, חברה, מיר ווילן ניט פאָרן אין דער נאַכט אַריין.

אַלע

אויפן וואָגן, אויפן וואָגן (זיי זעצן זיך אויס)

באַלעגאָלע

נו, און איר קינדער?

מיידל

איך גיי אַן אַנדערן וועג.

יינגל

קום, וואו וועסטו גיין, אַז דו ביסט פרעמד.

באַלעגאָלע

אַן עקשן?

מיידל

יאָ, אַן עקשן.

יינגל

אויב אַזוי, וועל איך מוזן גיין מיט איר.

באַלעגאָלע

נו פאָרט מען, וויאָ!

פאַרשטעלערס

האָסט געהערט, ממזרל, מיר האָבן שוין אַ ניי זמרל.

עלטסטערל

אדרבא, אדרבא!

אַלע

(בשעת דער וואָגן נעמט זיך רירן, זינגען)
כלהניו, כלהניו, וויין! אוי וויין,
ווייל דו גייסט צו דער חופה אַליין, אַליין

ווייל דיין טאַטע מאַמע
האָבן אין דער רעכטער צייט סאַמע
געלאָזט דיך אַליין אַוועקגיין
(עס ווערט פינצטער)

(אין דער פינצטער הערט זיך דאָס קלאַפּן פון אַ האַמער אויף אַ ברעטל, ווי דער האַמער, וואָס קלאַפּט אין פאַרמאַכטע לאָדן ביים רופן יידן אין שול אַריין. עס הערט זיך דאָס קול פון **באַלעגאַלע**, וואָס איז שוין איצט ר' מרדכי וויינשטיין. עס ווערט ליכטיק).

דאָס קול

האַי — ראַי! יידן, יידן, די פאַרשטעלערס גייען.

(אַלע פאַרשטעלערס קומען אַריין און שטעלן זיך אויס אין האַלבן צירקל).

פאַרשטעלערס

(זינגען)

מיר זיינען די פאַרשטעלערס
וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט
צו דערציילן אייך אַ מעשה
פון דער גאַרער וועלט.
צו דערציילן אייך אַ מעשה
פון דער גאַרער וועלט.

פון אַ לאַנד אַ וויטן,
וואָס עס קען געשען
אין אַלטע אַלטע צייטן,
שוין לאַנג איז דאָס געווען
אין אַלטע אַלטע צייטן,
שוין לאַנג איז דאָס געווען.

וואו אַ צווייטער המן
האָט אַמאָל געשאָלט
אויסגעמעקט זיין נאָמען
ווייל ער האָט דאָרט געוואָלט.
אויסגעמעקט זיין נאָמען
ווייל ער האָט דאָרט געוואָלט.

געוואָלט האָט ער פאַרטילגן
די יידן, קינד און קייט,
אָבער ער איז געשטאָרבן
(שאָקלען מיט די קעפּ אויף ניין, ווי איינער וואָס מאַכט אַ טעות)
געפייגערט געהאַנגענערהייט.

געהאַנגענערהייט,
געהאַנגענערהייט,
הוראַ! הוראַ!
געהאַנגענערהייט!

(זיי פאַרנייגן זיך און צעגייען זיך אויף ביידע זייטן פון דער בינע).

(אַ צימער אין הויז ביי ר׳ מרדכי וויינשטיין, אין דער פינצטערניש פון דער בינע זען די ליכט אויף דעם טיש אויס געשפּענסטערהאַפט. די פנימער פון די יידן וואָס זיצן אַרום טיש זיינען שאַרף געשניטענע ליכט און שאָטנס.)

אַ ייד

חלפתא! חלפתא! וואו זאַמסטו זיך?

אַן אַנדערער

געלעמטער שליח, וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן.

אַ דריטער

בלייענער פויגל, קום שוין צו פליען.

חלפתא

(פון אונטן) אַט קום איך, וואַרט אַ מינוט!
(קומט אַריף פון קעלער מיט אַ קרוג ווייז אויפן קאָפּ)
זע נאָר ס׳געיעג, וואָס האָט איר קיין צייט נישט!
(מען וויל ביי אים צונעמען דעם קרוג) און וואָס בין איך, — אַליין וויל איך אָנגיסן.

אַ ייד

האָסטו געזען אַ שוטה.

חלפתא

(מיטן קרוג אויפן קאָפּ דרייט זיך און זינגט)
יידן און יידענעס אַלע מחותנים —

די יידן

שוטה איינער, וואָס האַלטסטו דעם וויין, מען קען דאָך חלילה פון דאָרשט אויסגיין, שוטה!

(מען נעמט זיך מיט אים רייסן) שוטה! האָסט געזען אַזאַ נאַר!

חלפתא

טראַילי, לאַי, לי, לי; לי לאַי לי, לאַי לילי, לאַלי — וואָס אַרט מיך וואָס אַרט מיך וואָס איר זאָגט. ווען איך זע אַז דער באַלעבאָס שמייכלט.

ר׳ מרדכי

נו, זאָל שוין זיין גענוג. גיס אָן די גלעזלעך

חלפתא

ווען דער באַלעבאָס רעדט, ווערט חלפתא אויס באַלעבאָס.

ר׳ מרדכי

נו, זאָל מען טרינקען, לחיים, יידן?

יידן

טרינקט, טרינקט ר׳ מרדכי, ווינטש אונדז און אַלע יידן.

ר׳ מרדכי

(נעמט דאָס גלאָז אין האַנט. מיט אַ ניגון ווי אַ מגיד)

חיים, חיים זאָל גאָט געבן,\
אַלע יידן אַ נייעם לעבן.\
אַלע יידן איבער לענדער,\
איבער בערג און איבער ימים,\
(טראַכט אַ ביסל)\
יידן וואַנדערער אויף וועגן,\
יידן פאָרן אַהיים פון מסחר\
שלעפן זיך אויף פערד און וואָגן —\
יידן זוכן נייע לענדער,\
איבער וויסטעניש זיך איילן,\
שווימען אום אויף טייכן שיפן\
חיים, חיים נייעם לעבן —\
יידן ליגן קראַנק אין בעטן\
האַלטן אפשר שוין גאָר ווייטלעך\
חיים, חיים, נייעם לעבן —\
זאָל דער אויבערשטער זיי געבן.

ייִדן

אָמן, אָמן — לחיים, לחיים (טרינקען).

ר' מרדכי

(טרינקט אויך, זאָגט ווייטער)
עס זיינען נאָך פאַראַנען
ייִדן, וואָס דאַרפן האָבן אַ נייעם לעבן.
זאָל עס קיינעם ניט קיין גנאי זיין,
ייִדן האַלטן אין איין בייטן ייִדישקייט
ווי אַן אַלטן בגד.
עס איז שוין ניט דער לעבעדיקער קוואַל,
דער ברייטער שטילער טייך
מיט שטאַרק, פאַרוואָרצלטע ביימער ביי די ברעגעס
מען בייט די ייִדישקייט מען טראַכט אויס נייע,
ייִדישקייט אין הויז, ייִדישקייט אין גאַס —
ייִדישקייט, וואָס שטייט ערגעץ אין אַ ווינקל
ווייט פון סדר יום, —
און טעג און נעכט גייען איינער נאָך דעם צווייטן
פון גאָרניט און פאַרגעסנקייט,
ביז אַ בייזער ווינט פאַרשלעפּט אין מדבר,

חלפתא

אוי ווי גוט עס איז צו זיין אַ ייִד.

ייִדן

שאַ, שטיל! הערסט אַ שוטה —

ר' מרדכי

(מיט כעס) היינט יענע קראַנקע
וואָס ייִדישקייט איז נאָר אַ צרה.
כדי צו פאַרגעסן פּוצט מען זיך נאָר
אין פרעמדע פעדערן און מען שפּרייזט אַרום

חלפתא

אַי, ווי גוט עס איז צו זיין אַ ייִד!

ר' מרדכי

דו רעדסט, דו נאַר איינער.

ייִדן

אַזאַ חוצפה! קעגן באַלעבאָס אַליין.

ר׳ מרדכי

היינט די יידן, וואָס נעמען אַ האַלבן עבר,
וואָס יידן האָבן אויסגעבלוטיקט
און ווישן אָפּ, ווי ניט געווען גאָר —
הייבן אָן פון דעם אַמאָל גאָר
ווי אַ האַלבער עבר וואָלט געווען אַ מעשה אָן אויסגעטראַכטע.
חיים, חיים.
(ר׳ מרדכי זעצט זיך אַוועק)

חלפתא

גייען יידן אויף וועגן גלייכע, וועגן קרומע,
ווער קען שאַצן אַ יידישע נשמה.

יידן

אַ נייער בעל תורה, חלפתא!

אַנדערע

זאָל דער חתן עפּעס זאָגן — חתן! חתן!

ר׳ מרדכי

אויב יידן פאָדערן, מוז מען פאָלגן, נאָר
וואַרט, וואַרט יידן, אויב דער חתן וויל עפּעס זאָגן
דאַרף מען אַריינרופן די כלה.
נו, חלפתא, דו שטייסט נאָך. לויף און ברייננג!

חלפתא

איך לויף און גיי און קום באַלד צוריק,
און ברייננג צופירן די כלה מיט גליק! (גייט אַרויס)
(קומט באַלד צוריק מיט אסתרן און אירע באַגלייטערינס.
צווישן זיי געפינען זיך, עלטערע בכבודע פרויען און יונגע מיידלעך)
הוי ראי! די כלה גייט
פון נשים צנועות איז זי באַגלייט!

אסתר

איר האָט מיך געלאָזט רופן, פעטער?

ר׳ מרדכי

דיין חתן וויל זאָגן תורה. האָב איך גערעכנט
אַז עס איז ניט מער ווי רעכט זאָלסט אויך הערן.

אסתר

אַ דאַנק אייך פעטער.

ר' מרדכי

קום טאַכטער, זעץ זיך לעבן מיר. (זי זעצט זיך, די פרויען שטייען און זיצן אין הינטערגרונט).

מאַזעס

יידישקייט — — — — — — — — יידישקייט —
די יידישקייט, מיט וואָס מיר לעבן פון טאָג צו טאָג —
ניט די אויסגעטראָכטע, פעסט פאַרמירטע,
ניט די יידישקייט וואָס איז פּרינציפּ,
געדאַנק נאָר אויסגעטראַכט לויט לאָגישע מנהגים,
אפילו דינים, געבויט אויף אַ פּרעמיז —
נאָר די יידישקייט וואָס ווערט געבוירן
טאָג נאָך טאָג, אין נויט און פּיין,
אָט די יידישקייט לעבט.
זי לעבט אין אונדז און מיר אין איר,
אָט ווי שוואַכע מענטשן קענען לעבן
וואָס לעבן צווישן וועלן און — דער שאַרפער נויט ;
אָט די יידישקייט, וואו פון נעכטן וואַקסט דער היינט
און נאָר פון היינט קען קומען אונדז דער מאָרגן —
די יידישקייט איז ניט פעסטע פאָרם, געזעץ,
די יידישקייט איז תמצית נאָר און תוך,
איז אינהאַלט נאָר, אָן אינהאַלט,
וואָס גיסט זיך פריי אַריין אין פאָרם
ווי דער וויין וואָס פילט אויס אינגאַנצן דאָס געפעס.
קומען דורות, קומען לענדער ;
גייען דורות און בייטן זיך די לענדער,
יעדער דור געפינט אין יעדן לאַנד אַ פאָרם אַ גרייטע.
ווייל מענטשן זיינען מיר דאָך, שוואַך, ווי אַלע,
פאָרם איז דאָך רייד און קלאַנג,
און קלאַנג אַליין נאָר רעדט צום מענטשן,
קלאַנג און פאָרם.
מוזן מיר ריידן און טראַכטן כסדר אין נייע פאָרמען.
ווערט צוביסלעך ליב די פאָרם די נייע
עס ווילט זיך רוען און היימיש ווערן,
ווערן געקלאַנג אין פאָרם אַלט און טייער.

און נייע פֿאָרם איז דאָך נייע פּיין.
ווילט זיך רוען און פֿאַרגעסן,
אין פֿאַרמען ווי געווען.
קומען דורות, קומען לענדער
גייען דורות און בייטן זיך די לענדער,
ווינט מען און מען קלאָגט און פּרעדיקט שוואַרץ נביאות,
ס׳טייטש, די יידישקייט גייט אונטער.
בטחון אין דעם סדר עולם מוז מען האָבן.
סדר יום איז סדר יומים,
די לאָגיקע פֿון טאָג איז אויך די לאָגיקע פֿון יאָרן,
עס קומט אַ טאָג ניט גלאַט צורייטן פֿון דער צוקונפֿט.
אין טראַכט פֿון טאָג ליגט באַהאַלטן שוין
די גאַנצע אייביקייט.
אַ ייד מוז האָבן נאָר בטחון.
אויך דער שונא קען דאָס וואַקסן טעג פֿון טעג
ניט איבערברעכן. מען מוז גלייבן
אין זיך אַליין אין תוך וואָס לעבט אין זיך,
ווי אַ לעבעדיקער קוואַל, וואָס קיינמאָל,
קיינמאָל וועט ער ניט פֿאַרזיגן

חלפתא

אמן — ואמן; וכן יהי רצון, אמן סלה.

ר׳ מרדכי

וואָס הערט זיך מיט דעם שונא פֿון אַרום ?

מאָזעס

ער האָט אויך אַ סדר יום און קען ניט גלאַט פֿאַרגעסן
און שנאה קען נאָר האָבן פֿיינט, און קען ניט ווי טאָן.
מיר זיינען מאות שנים געזעסן זייט ביי זייט,
אינאיינעם פֿון אַ ווילדן וואַלד אַ פֿרוכטבאַר פֿעלד געמאַכט,
אויף אונדזערע פּלייצעס האָבן זייערע אבות,
פֿון וואַלד מענטש זייער שטאַם אַרויסגעשיילט
מען קען ניט גיין צוריק.

חלפתא

הלוואי וואָלט עס אמת געווען.

מאַזעס

ווער האָט עס געזאָגט?

חלפתא

איך, חלפתא, דער נאַרישער חלפתא.

ר' מרדכי

שוויג, דו בחור, עס האָט גערעדט אַ תלמיד חכם.

(צווישן די ווייבער ווערט אַ באַוועגונג פון פרייד)

חלפתא

איך וועל ניט שוויגן, וועל איך ניט,
איך וועל שרייען בקול רם: (שרייט)
עס וואַקסט אויף אונדז אַ שונא!
איך זע אים אין גאַס אין יעדן טאָג, יעדע שעה.
יידן, שלאָפט ניט. עס גייט אַ שונא!

יידן

(באַפאַלן אים) דו עזותניק! דו חוצפהניק! דו רעדטסט
דאָס אַנטקעגן אַן עלטערן פאַר דיר. וואָס ווילסטו! ווילסט
אַ יידישע שמחה פאַרשטערן?

חלפתא

(כאַפּט זיך) אוי ווי איז מיר! רבונו של עולם!
חלילה! חלילה! אַ שמחה ביי יידן!
מען דאַרף גאַר זינגען. מען דאַרף זינגען און טאַנצן!
(זינגט און טאַנצט. מיט דער צייט לאָזן זיך יידן אַרויס פון דיערע
פלעצער און פאַרמירן אַ קרייז טאַנצנדיק).
(זינגט)

1

יידן און אויך יידענעס, אַלע מחותנים
נעמט אַן אַ האַנט אַן אַ האַנט.
היימישע און אורחים, רייכע און קבצנים,
קומט אַלע אַריין אין ראַנד —

אַ האַנט אויף אַ פּלייצע,
אַ ייד גיט זיך אַן עצה
מיט שמחה דינט מען גאָט אַזוי.

אַ פּוס פּאַר אַ פּיסל,
ר׳ געצעל און ר׳ זיסעל
דאַנקען גאָט אַבי מען איז ניט קיין גוי!

2

פּרעסן און זויפן
אָט דאָס איז זייער מידה
צו טויטע געטשקעס דאַוונען זיי,
זיי לעבן אַן חשבון און
שטאַרבן אַן ווידוי
זייער גאָט איז מעשי ידי.
גאָט איז איינער
אַ חוץ אים איז דאָך קיינער
ר׳איז אַ גרויסער און לעבעדיקער גאָט.
אַ פּוס פּאַר אַ פּיסל,
ר׳ געצל און ר׳ זיסל
דרייט זיך אין קאַראַהאָד.

3

פינגער האָבן זיי מעשענע
און קענען מיט זיי ניט רירן
אַ געליימטן גאָט האָבן זיי;
פיס האָבן זיי בלייענע
וואָס קענען זיי ניט פירן
זייער גאָט איז מעשי ידי, אָבער
גאָט איז איינער
א׳ אַ. וו.

4

ליפּן האָבן זיי ליימענע
און קענען מיט זיי ניט ריידן,
אַ שטומען גאָט האָבן זיי,
אויגן צוויי נאָר בלינדע
פינצטערניש איןביידן

זייער גאָט איז מעשי ידי
גאָט איז איינער
א. אַ. וו.

5

אויערן האָט אויך זייער גאָט
און קען מיט זיי ניט הערן,
אַ טויבן גאָט האָבן זיי
אַ נאָז אַ לאַנגגן האָט ער אויך
און קען מיט אים ניט שפּירן
ווייל זייער גאָט איז מעשי ידי
גאָט איז איינער
א. אַ. וו.

(בשעת דעם זינגען פון דעם לעצטן סטראָף קלאַפּט עמיץ אין דער דרויסנדיקער טיר)

אסתר

עמיץ קלאַפּט! הערט אויף!

ר' מרדכי

מען דאַרף אויסגעפינען ווער איז עס. (מען הערט זיך איין)

דאָס קול

יידן, עפנט אויף!

חלפתא

(מיט פרייד) עס איז אַ יידיש קול, לאָזט מיך!

מאָזעס

עס איז אַ פרעמדער לשון.

חלפתא

(זייער אומגעדולדיק) עס איז אַ ייד, זאָג איך אייך!
(אומגעדולדיק) אַ ייד, אַ ייד, אוי ווי איז מיר! אוי ווי איז מיר

ר' מרדכי

(מיט כעס) הער אויף זיך יאָכמערן, שוטה איינער, מען וועט שוין עפענען אויב אַ ייד. (דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט)

חלפתא

(כמעט פאַרצווייפלט) אָט קלאַפּט מען שוין ניט, ווי איז מיר. מען קען דאָך אויסגיין.

ר׳ מרדכי

נו, גיי שוין גיב אַ קוק דורכן פענצטער, און זע ווער עס איז.

חלפתא

(ביים פענצטער) איך זע! עס איז יענער בחורל, לאָזט מיך! (לויפט צו דער טיר)

איינע

(פון די פרויען) האַלט אים צוריק! לאָזט אים ניט!

חלפתא

(רייסט אויף די טיר. עס פאַלט אַריין דאָס יינגל, אַ פאַרחלשט־טער און אַ פאַרבלוטיקטער).

די ווייבער

(דערשרעקן זיך) אַה — !

ר׳ מרדכי

דאָס איז אַ שלעכטע בשורה.

חלפתא

(גופינט זיך באַלד, הייבט אויף דאָס יינגל) נו, וואָס שטייט איר אַלע, פאַרוואָס ברענגט מען ניט אַ ביסל וואַסער! (ער זעצט אים אַנידער אויף אַ בענקל)

(איינער לויפט אַרויס ברענגט אַ שיסל וואַסער).

אסתר

לאָזט מיך באַוואַשן זיין פנים. (זי וואַשט אים אַרום)

חלפתא

ער עפנט שוין די אויגן.

מאָזעס

וואָס איז געשען?

יינגל

געשען — (צעוויינט זיך)

ר׳ מרדכי

קיין גוטס וועט ער ניט דערציילן. לאָזט מיך צו אים.

חלפתא

(דרייט זיך אַוועק. גייט איבער דער שטוב און רייבט זיך און ברעקט זיך די הענט). הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן. עס איז אַ שלעכטע בשורה, ווי איז מיר, ווי איז מיר!

ר׳ מרדכי

וועסטו שוויגן, שוטה איינער?

חלפתא

שויך, שויך, שוויג איך שויך. (ער קוקט דעם יינגל אין מויל אַריין).

יינגל

צוויי מחנות, פון פאַרשיידענע זייטן, — באַפאַלן איינע די אַנדערע,
מיין שוועסטער איז אַוועק, איך בין נאָכגעלאָפן זי רופן, זיינען זיי
מיך באַפאַלן מיט אַ קול: שלאָגט יידן! שלאָגט יידן!

מאַזעס

ביסטו זיכער, יונגערמאַן, אַז יידן האָט מען געהייסן שלאָגן?

חלפתא

עס איז אמת, אמת, ווי דער טאָג. — הערט! —
(זיי הערן זיך אַלע איין. דאָס ווילדע געשריי און דאָס שיסן פון אַ
מאַסע מענטשן הערט זיך, קומען אַלץ נעענטער).

ר׳ מרדכי

עס איז דער שטורעם — וואָס קען מען טאָן.

מאַזעס

עס וועט פאַרבייגיין, עס וועט פאַראיבערגיין. פאַרלירט ניט די קעפּ.

די ווייבער

ווי איז מיר! — וואָס וועט ווערן! — וואָס וועט ווערן!

מאַזעס

שרייט ניט! — דאָס זיינען צוויי מחנות קריגן זיך צווישן זיך, דאָס
מיינט מען ניט אונדז (אין דעם מאָמענט קראַכט אַריין אַ שטיין דורכן
פענצטער. דאָס געשריי גייט פאַרביי און אַוועק. עס איז שטיל אַ ווײַלע).

חלפתא

דער שטורעם איז שוין דאָ.

ר׳ מרדכי

אַזוי גיך! אַזוי אומגעריכט! — (פּויזע)

מאַזעס

מען טאָר דעם קאָפּ ניט פאַרלירן,
דער שונא איז דערווייל נאָך ווייט פון מאַכט,
טומלעניש און אומזיסטע מורא זיינען אומגליק אין אַזאַ צייט.

חלפתא

יאָ, יאָ, מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף ניסים.

ר׳ מרדכי

מיר טאָרן די אחריות אויף זיך אַליין ניט נעמען.
אויב אַ פייער , וועט עס פאַרכאַפּן אַלע יידן
מען טאָר ניט בייגן דעם רוקן פאַר דעם שונא. (פּויזע)
אַ שליח צו כל ישראל דאַרף מען שיקן כל זמן עס איז נאָך צייט.
(מיט כעס)
דער קנאַפּל וואָס האָט געטראָטן דורות פון פאַרסמטע שלענג,
מוז די שלאַנג אויך צוטרעטן איידער זי גיסט אויס איר גיפט.

מאָזעס

און ווער זאָל זיין דער שליח?

יידן

ר׳ מרדכי, ר׳ מרדכי, זייט איר דער שליח, איר אַליין.

חלפתא

עס איז נאַריש, עס איז שווער פאַרן באַלעבאָס,
מאָזעס איז יונג, זאָל ער גיין צו די יידן און איך —
וועל גיין צום שונא.

ר׳ מרדכי

צום שונא גאָר? ווי הייסט דו וועסט גיין צום שונא?

חלפתא

מען מוז וויסן וואָס דער שונא וויל. וועט מען זיך אפשר קענען היטן.

אסתר

די שפחה קאָטי, וואָס האָט ביי אונדז געדינט איז די שוועסטער פון
דעם פאַרפירער —

חלפתא

אָט אַהין טאַקע וויל איך גיין.

ר׳ מרדכי

גלייך ווי גאָלד, מיר טאָרן קיין זאַך ניט פאַרפעלן.

חלפתא

און מען טאָר קיין צייט ניט פאַרלירן.

ר׳ מרדכי

(צו אסתרן) עס טוט מיר ווי, מיין קינד, אָבער עס פאָדערט אונדזער
נויט.

מאָזעס

עס טוט מיר אויך ווי, און טאָפּלט ווי, אָבער — איך בין גרייט.

ר' מרדכי

געזעגענן זיך מיט דיין כלה, און מיט אַלע יידן.

מאַזעס

זיי געזונט, אסתר.

אסתר

(שטיקט זיך מיט געוויין) פאַר געזונטערהייט, און קום געזונט.

מאַזעס

זייט געזונט, אַלע יידן.

אַלע

גיי געזונט, און קום געזונטערהייט — זיי מצליח.

(מאַזעס גייט אַרויס)

חלפתא

און איך וועל גיין אין מיין שליחות.

ר' מרדכי

זאָל דער אויבערשטער דיך אויך באַגליקן.

חלפתא

אָמן, טאַטע געטרייער.

יידן

אמן — אמן. (חלפתא גייט אַרויס)

ר' מרדכי

איצט יידן גייט אַלע אַהיים צו אייער ווייב און קינד. און דער אויבער־שטער זאָל אונדז אַלע אָפּהיטן. (די יידן רוקן זיך פּאַוואָליע אַרויס). און דו, יינגל, ווּעסט בלייבן דאָ מיט אונדז?

יינגל

איך מוז גיין און זוכן מיין שוועסטער.

ר' מרדכי

זאָל דיך גאָט באַהיטן. (יינגל גייט אַרויס) איצט, מיין קינד, דאַרף מען די לאָדן פאַרמאַכן, אַז דער שונא זאָל ניט קענען צוקומען. (גייט אַרויס אין דער מיטן)

אסתר

(טרעט אַרויס פון פאָרנט בשעת אויף דער בינע איז פינצטער און זינגט)

אסתר

1

ווי טוי פון דעם הימל, וואָס איז ניט געקומען,
דערפרישן, באַלעבן די לעכצנדע בלומען
דאָס איז, געליבטער, דיין ליבע פאַר מיר;
ווי רעגן וואָס זאַמט זיך און איז ניט געפאַלן,
צו שטילן דעם דורשט פון די טרוקענע קוואַלן
אַזוי, מיין געליבטער, בענק איך נאָך דיר.

נאָר איין בליק פון דיינע אויגן,
פון דיינע אויגן, אַזוי שוואַרץ,
האָט אָנגעצונדן איין העליש פייער,
איין העליש פייער ביי מיר אין האַרץ.

איין העליש פייער האָסטו אָנגעצינען,
עס ברענט און עס ברענט און הערט קיינמאָל ניט אף
וואו קען איך פאַר זיך דען אַ טרייסט נאָר געפינען,
אַ טרייסט פאַר מיין האַרצן, וואָס ליידעט אָן סוף.

2

ווי זון אין די וואָלקנס, וואָס האָט זיך באַהאַלטן
און לאָזט דעם ווינט בלאָזן, אַ שאַרפן אַ קאַלטן,
אומעדיק איז מיר, געליבטער, אָן דיר.
ווי בלעטער אויף ביימער, וואָס טריקענען וויאַנען
דער ווינט וועט פאַרבלאָזן אין גיכן פון דאַנען
אַזוי, מיין געליבטער, וועלק איך אָן דיר.

נאָר איין וואָרט פון דיינע ליפּן,
פון דיינע ליפּן אַזוי זיס,
אָוועקגעלייגט וואָלט איך מיין גאַנצן לעבן,
מיין גאַנץ לעבן צו דיינע פיס.
איין העליש פייער א. אַ. וו.

3

ווי אַ שיף וואָס פאַרבלאָנדזשעט דעם רודער פאַרלאָרן,
די האָפענונג צו לאַנדן שוין לאַנג אָנגעוואָרן,

אַזוי, מיין געליבטער, בין איך אָן דיר.
די זעגלען צעריסן, דער מאַסט שוין צעבראָכן
אין מדבר פון ימים אויף אייביק פאַרקראָכן
אַזוי, מיין געליבטער, בין איך אָן דיר.
נאָר איין קלאַנג פון דיין שטימע,
וועקט אויף מיין לײדן, וועקט אויף מיין פּיין
צי איז נאָך פאַראַנען פאַר מיר אַ לעבן,
ווען איך מוז בלייבן און אָן דיר זיין
אַ העליש פייער א. אַ. וו.

4

ווי בלומען אָן וואָרצלען וואָס קענען ניט בליען,
ווי פייגל אָן פליגל וואָס קענען ניט פליען.
אַזוי איז מיין לעבן געוואָרן פאַר מיר
ווי קינדער אָן מאַמעס, ניטאָ ווער ס'זאָל דערציען
ניטאָ ווער ס'זאָל זיי לאַשטשען און זיך פאַר זיי מיען
אַזוי, מיין געליבטער, איז מיר אָן דיר.
נאָר איין בליק פון דיינע אויגן,
פון דיינע אויגן אַזוי שוואַרץ,
וואָלט ווי אַ היילונג פאַר מיר געוואָרן
אַ היילונג פאַר מיין פאַרטרויערט האַרץ
אַ העליש פייער א. אַ. וו.
(נאָך דעם אָפּזינגען גייט אסתר אַוועק.

די בינע ווייזט אַ צימער אין דעם הויז פון דעם קליינעם עלטסטערל. קאַטי, וואָס טראָגט אַ גרויסן זילבערנעם צלם אויף דער ברוסט שטייט ביים פענצטער און רעדט אַרויס)

קאַטי

אַז דער אויבערשטער זאָל נאָר שומר ומציל זיין, אַזוינס האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען. זאָל נאָר מיין ברודער, אַדעלע, קומען אַהיים, וועלן מיר שוין זען ווער עס איז באַלעבאָסטע אין הויז.

(עס קומען אַריין די דריי טייטשן איינער טראָגט אַ בינטל האָלץ דער צווייטער האַלט אָן עמער וואַסער, דער דריטער טראָגט צווי טעפּ).

די דריי טייטשן

(אינאיינעם) גרויסע, הויכגעבארענע קאטי, זיי אונדז מוחל אט זיינען מיר אלע דריי.

קאטי

דאנקען גאט, זיי זיינען דא. ווייניק האב איך זיך, מיינע שונאים, דאס הארץ אויסגעשריגן. וואו זייט איר דאס געווען? קראנק זייט איר צו וויסן, וואס עס פאסט זיך פאר דעם עלטסטנס שוועסטער? (גייט צו נאענט צו זיי). ציטערן! — דארפט איר ווען איך רייד.

אלע דריי

מירן ציטערן. (זיי גיבן א ציטער)

קאטי

אז אלץ איז אויף מיין קאפ און אויף מיינע הענט. ווי זאגט מען דאס א ווערטל. וואס ביי א שיכורן אויף דער צונג — ניט דאס מיין איך. העלפט מיר ארויס.

דריי טייטשן

מארגן שטונדע האט גאלד אין מונדע.

קאטי

ווי איז מיר, איר ווילט מיך אומגליקלעך מאכן.

(קוקט זיך ארום צי קיינער האט ניט געהערט)

איין טייטש

וואס זיינען אינען אזוי דערשראקן?

קאטי

וואס רעדט איר גאלד? עס קען דאך נאך זיין א רמז אויף גאלדשטיין אדער גאלדבערג.

די טייטשן

(אינאיינעם) אוי, ווי איז אונדז! אוי, ווי איז אונדז!

(אין דרויסן בלאזט א טראמייטער)

קאטי

מיין גאט (מאכט אן אנשטעל. שרייט אויף די טייטשן)

ווען מיין ברודער, אדעשע, זאל לעבן, וועט דערהויבן ווערן וועלן קעפ זיך וואלגערן אין זאמד. (שטיל צו די טייטשן). איר דארפט זיך ניט שרעקן, דאס איז נאר פאר לייטן וועגן. (ווידער אויף א קול) דו גיב א ביס דאס האלץ, צי איז עס ניט קיין דינאמיט (ער טוט דאס) איר ביידע נעמט צוביסלעך וואסער אין די טעפ און טרינקט

עס אויס. (בײדע טוען עס. אײנער גיט זיך אַ טרײסל). **וואָס איז דאָס, אַ פּאַרזעטער? רופט די וואַך!**

טײטש

עס איז ניט דאָס. איך האָב נאָר פײנט וואַסער, שרעקלעך פײנט, איך האָב עס אין מײן לעבן ניט געטרונקען. אָבער וואָס טוט ניט אַ מענטש פאַר זײן פאַטערלאַנד.

די צווײ אַנדערע

פאַטערלאַנד, פאַטערלאַנד איבער אַלעס!

קאַטי

איבער אַלעס, איבער אַלעס! (שטעלט זיך אַוועק)
מיטן פּנים צו דער וואַנט,
מיטן פּנים צו דער טיר,
אײנער נאָכן אַנדערן
גײט אין קיך אַרײן נאָך מיר
(זײ מאַרשירן אַרויס אין קיך).
(חלפתא באַווײזט זיך בײ דער פענצטער)

חלפתא

(פאַרזיכטיק) קאַטי — — — — קאַטי, (און באַהאַלט זיך, ווײל די **דרײ טײטשן** קומען צוריק אײנער הינטער דעם אַנדערן אין געמאָס־טענע שריט און בלײבן שטײן אין מיטן. זײ נעמען אַראָפּ די היטלען און ווישן זיך דעם שטערן).

חלפתא

(שטעקט אַרײן דעם קאָפּ און דערלאַנגט אַ געשרײ): **יאַלדן!**

די טײטשן

דערשרעקן זיך. דרײען זיך אויס און זוכן) **ווער האָט עס אונדז באַ־לײדיקט, ווײ איז אונדז!** (זײ דרײען זיך אויס צום פּובליקום)

אײנער

זײנען מיר יאַלדן, הײסט עס?

די אַנדערע צווײ

א נײן, און טויזנט מאָל נײן. אַט, וואָס מיר זײנען:
(זינגען)

1

מיר זײנען דרײ טײטשן
און האָבן לאַנגע בײטשן

און שטייען אויף אַ באַרג
און שטייען אויף אַ באַרג
און
פּאַשן זיך דעם קאַרק
און
פּאַשן זיך דעם קאַרק
און שטייען אויף אַ באַרג.

2

מיר היטן אַז די יידן
וואָס זיינען ניט צופרידן
מיט אונדזער גרויסן לאַנד
זאָלן אָפּשטעקן אַ האַנט
און
בלייבן דאָ אין לאַנד
און
אָפּשטעקן אין האַנט
און בלייבן דאָ אין לאַנד.

3

מיר זיינען קיין סאָלדאַטן
נאָר שטורמערס און פּיראַטן
וואָס ווילן גאָר די וועלט
וואָס ווילן גאָר די וועלט.
און
לאָזן אַרויס די יידן
און ווילן זייער געלט
אַ חוץ נאָך דעם די וועלט.
הייל עלטסטער!

(איינער איז זיך טועה און זאָגט „**העל עלטסטער**” די אַנדערע צוויי קוקן זיך אום. דער דריטער כאַפּט זיך און בייט איבער אויף „**הייל עלטסטער**”. זיי דרייען זיך אויס מיליטעריש און גייען אַרויס. **חלפתא** שטעקט ווידער אַרויס דעם קאָפּ און רופט)

חלפתא

קאַטי — — — — קאַטי — (און באַהאַלט זיך)

(איינער פון די טייטשן קומט אַרויס באַלד נאָך איס קומט קאַטי מיט אַ קאַכלעפל אין דער האַנט).

טייטש

שוש — פריילין קאַטי!

קאַטי

ווי איז מיר! דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס פון דיינע שטיק. וואָס איז שוין ווידער?

טייטש

שוש — — שוש — געכאַפּט אַ העכט!

קאַטי

וואָס רעדסטו, אַ לעבעדיקן?

טייטש

ער לעבט און צאַפּלט זיך.

קאַטי

ברענג אים באַלד, וועל איך אים אָפּקאָכן פאַר מיין אדעשע.

טייטש

פוי, קאָכן און עסן?

קאַטי

ביי אים איז פוי. אַזאַ יאָר שוין אויף מיר. ווי אַ גוט שטיקעלע געפילטע העכט, איינגעהאַקט מיט אַ ציבעלקעלע, און אַ גוט ביסל כריין, אַז ווער עס ווינשט מיר גוטס.

טייטש

שוש. — ניט אַזאַ העכט, איך מיין אַ יידישן. עס איז אַ סוד. מען טאָר ניט וויסן.

קאַטי

הער ווי די צונג האָט אים אָפּגענומען, גיב שוין לשון, קעבעבע.

טייטש

געכאַפּט אַ ייד, אַ העכט, גאָר, גאָר —

קאַטי

וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט זאָל מיר צו דיין קאָפּ אויסגיין. (שפּייט אויס) טפו זאָלסטו ווערן. וואָס איז דער יחוס. קאַרג פאַראַן יידן אויף דער וועלט?

טייטש

וואָס ריידן זיי. אינגען ווייסט ווער דער ייד איז? דאָס איז דער יונגער מאַזעס.

קאַטי

(דערשראָקן זיך כמעט) וואָס רעדסטו, טאַקע אים אַליין?

טייטש

טאַקע אים אַליין. מיט דאָקומענטן.

קאַטי

דאָקומענטן? איין קלייניקייט! דו ווייסט דען ווער דאָס איז, דער מאַזעס.

טייטש

מיר האָבן געהערט.

קאַטי

ביי אונדז האָט מען פון אים געהאַלטן אַ וועלט. עס איז אַ סברה אַז ער שדכנט זיך צו אונדזער אסתרקען. און אַז אסתרקע איז דאָס, אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן. און אַ מאַטניאַ וועט זי קריגן, שוין איינמאָל אַ נדן.

טייטש

ער האָט געוואָלט גנבענען די גרענעץ מיט פאַפירן.

קאַטי

נאָך מיט פאַפירן. ווער מיינט איר איז ער עס, גנבענען אַ גרענעץ. מיר וועלן זיך ניט לאָזן פון די יידן. איין קלייניקייט, גיט אים אַ גרענעץ, גיט אים.

טייטש

דאָס איז אַ סוד.

קאַטי

אויב אַ סוד מעגסטו זיך אויף מיר פאַלאָזן. און וואָס וועסטו מיט אים טאָן?

טייטש

מיר וועלן אים פאַרשפאַרן ביז ער וועט אויסזאָגן אַלע יידישע סודות.

קאַטי

האָבן זיי סודות, מאַמע געטרייע.

טייטש

מיט געוואַלט וועלן מיר זיי אַרויספרעסן אין ברוינעם קעלער.

קאַטי

הער, דענקסטו. עס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר מיר אַרונטער צוגייען און זיך ווייזן פאַר אים. זאָל ער כאָטש זען וואָס עס איז געוואָרן פון קאַטין.

טייטש

געפּאַסט וואָלט זיך, נאָר ווען מען זאָל זיך דערוויסן —

קאַטי

וויסן דאַרף קיינער ניט. נאָר איך טראַכט, אפשר פּאַסט עס ניט, נאָך אַלעמען ווער איז ער און ווער בין איך. ווייסטו וואָס, לאָמיר עס בעסער אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל.

טייטש

עס איז בעסער אַזוי. אָבער דערוויל איז עס אַ סוד —

קאַטי

איין קלייניקייט! (טייטש גייט אַרויס. קאַטי לאָזט זיך גיין אין קיך)

חלפתא

(ביים פענצטער) פּסט — — פּסט — —קאַטי!

קאַטי

(דערשרעקט זיך) מאַמע! (כאַפּט זיך ביים האַרצן. דערזעט חלפתן מיט פרייד). אוי, ווי איך לעב, חלפתא!

חלפתא

קען מען אַריינקומען?

קאַטי

(קוקט זיך אַרום) חלפתאינקע, טייערער, שטעלסט זיך איין דאָס לעבן.

חלפתא

איך מוז דיך זען.

קאַטי

צוליב מיר שטעלסטו דיר איין דאָס לעבן?

חלפתא

איך מוז.

קאַטי

נו קום אַריין וואָס גיכער. איך וועל פאַרריגלען די טיר און פאַרציען די פאַרהענגלעך.

(חלפתא קומט אַריין. קאַטי פאַרריגלט די טיר און פאַרציט די פאַרהענג־לען). דו ווייסט דען וואָס פאַר אַ חברה מיר האָבן דאָ. נאָר מען שפּיאָ־נעוועט, מען קען אַ טראָט ניט מאַכן. עס איז שווין ניט צום אויסהאַלטן.

חלפתא

דאָ שפּיאָנעוועט מען אויך?

קאַטי

וואָס דען, ניין? — זעץ זיך דאָ ביי אונדז. (ווישט אָפּ אַ בענקל מיטן פאַרטאַך). נאָר, גאָר ניט. דו דאַרפסט קיין מורא ניט האָבן. עס איז עפּעס אַ קלייניקייט ווער איך בין דאָס, פּרינצעסין קאַטי. אַט קריגט מיין אדעשע די מאַכט, ווער איך אַ פּרינצעסין.

חלפתא

(אין דער זייט) ניט דערלעבן.

קאַטי

וואָס זאָגסטו?

חלפתא

איך זאָג, אַז גאָט וועט געבן, געבן אַ ישועה פאַר אַלעמען וועסטו אויך געהאָלפן ווערן.

קאַטי

מיינע ווערטער. אַט דאָס וואָס איך זאָג. אַז דער אויבערשטער וועט העלפן, מיר וועלן אַריינקריגן די מאַכט און עס וועט שוין לאַנג ניט בעעמן. יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן. איך זאָג עס קעגן דעם, וואָס מיין ברודער אדעשע, זאָל לעבן, איז אַזוי גרויס געוואָרן. זאָלסטו זען ווי די גרעסטע לייט, אָפּיצירן און יעדנעראָלן, לייגן זיך פאַר אים ממש אויף דער ערד. און מיין מאַמע דאַרף ליגן אין דער ערד און פוילן. (ווישט זיך אַ טרער).

חלפתא

כן יאבדו.

קאַטי

אמן, טאַטע געטרייער. — יאָ, וואָס זשע. האָב איך געוואָלט זאָגן — וועגן די יעדנעראָלן. זאָגן זיי, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מיין אדעשע בלייבן דער איינציקער מלך.

חלפתא

און וואָס וועט זיין דערנאָך?

קאַטי

פרעגט שוין גאָר ניט. אַלע שונאים פונעם פאָלק וועט מען אויסהענגען און קעפּ וועלן זיך וואַלגערן אין זאַמד. דאָס זיינען אדעשעס אייגענע ווערטער. און אַז ער זאָגט ווייסט ער וואָס ער רעדט.

חלפתא

אוודאי, ווייס ער.

קאַטי

וואָס טויגן מיר די טענות. זאָג מיר בעסער, האָסטו זיך אַזוי פאַר־בענקט נאָך דער אַלטער קאַטי, אַז ביסט אַזש געקומען מיך זען.

חלפתא

אוודאי.

קאַטי

עס איז אַ מצוה אויף דיר. איצט ווייסטו ווי מיך אָפּצושאַצן. און ווען איך האָב געדינט ביי ר׳ מרדכין האָסטו מיך אפילו ניט אָנגע־קוקט.

חלפתא

וואָס געווען, איז געווען.

קאַטי

און מיין אדעשע זאָגט, וואָס איז געווען מוז צעבראָכן ווערן. אָט, זעסט דאָך, בין איך געווען אַ דינסט און קוק מיך היינט אָן. קוקט ניט אויף דעם צלם, דאָס איז צוליב מענטשן. און ווען דו וואָלסט געווען אַן אַנדערער, וואָלט איך אים געקענט גרינג אַראָפּנעמען.

חלפתא

אפשר טאָקע.

קאַטי

וואָלסט נאָר געווען אַן אַנדערער. ווייס איך אַ סוד, אַז דו וואָלסט פּלאַצן, מיינע שונאים.

חלפתא

אַ סוד ? — וואָס גייען מיך אָן דיינע סודות.

קאַטי

דעם סוד וואָלסטו שוין גאָר ווען וויסן, אָבער ניט פאַר דער גאַנצער וועלט.

חלפתא

אפילו פאַר מיר אויך ניט ?

קאַטי

(קאָקעטיש) אפילו ניט פאַר דיר.

חלפתא

אפילו ניט פאַר דיינעם אַ געליבטן ?

קאַטי

(ווערט ערנסט) וואו האָב איך אַ געליבטן, צרות מיינע. האָסט מיך ווען געוואָלט? דו ביסט אַליין און איך בין אַליין, און קיינמאָל האָסטו מיך אפילו ניט אָנגעקוקט.

חלפּתא

וואָס פאַרשטייסטו ניט. איך האָב געמיינט אַז אַ ליבע שפּילט מען ביחידות.

קאַטי

(זינגט)

1

אוי ביסטו אַ נאַר
אַ ליבע שפּילט מען נאָר אין צווייען,
קיינמאָל ניט אַליין.
טאַנץ מיט מיר, לאָמיר זיך דרייען
דו דאַרפסט ניט ווייטער גיין
ביסט נאָך ניט קיין אַלטער בחור
כאָטש דו ביסט ניט שיי — ען.
אַ דאגה מיר, אַבי אַ זכר,
לאָמיר זיך דאָ דרייען (טאַנצן)

חלפּתא

2

אַ סכנה איז אין צווייען
בעסער זיין אַליי־ען
הער מיר אויף אַ קאָפּ צו דרייען
מיין נשמה׳ז ריין
ליבע שמיבע, ווען אַרט עס,
אַן עסק פאַר ערלים.
עס גייען נאָר די פוסטע מוחות
אַרויס גאָר פון די כלים.

קאַטי

(זינגט מיט אַלטער מעלאָדיע) און אפשר גייט עס דיר אין נדן? —

חלפּתא

ליבע שמיבע א. אַ. וו. (טאַנצן)

קאַטי

3

אין צווייען טאַנצט מען נאָר אַ קרענצל
קיינמאָל ניט אַליי־ען
איך שטאַרב צו גיין מיט דיר אַ טענצל
קום לאָמיר זיך דרייען
גיב אַ האַנט לאָמיך זי האַלטן
איך וועל זי שטאַרק ניט דריקן
קענסטו ניט צי קענסטו טאַנצן
מיר וועלן זיך דערקוויקן.
(טאַנצן)

חלפתא

4

גיי אַוועק דו שוואַרצע קליפה
זוך דיר פון דיינס גלייכן
אַ כשרע טאָכטער איז מיין ציפּה
אַ ייד פון דיר מוז וויכן.
באַהאַלט דיר דיינע שוואַרצע קונצן
פאַר דיינע ערלים
נאָר אַזוינע פינצטערע כאמעס
ברענגסטו פון די כלים.

קאַטי

(זינגט מיט אַלטער מעלאָדיע)
אפשר גייט עס דיר אין יחוס ? —

חלפתא

(מיט אַלטער מעלאָדיע)
ביסט דאָך שוין אַ מיידל אין די יאָרן —
באַהאַלט דיר דיינע שוואַרצע קונצן
א. אַ. וו. (טאַנצן)

קאַטי

5

וואָס דאַרפסטו מיינע יאָרן ציילן,
איך הייס זיי דיר דען קויפן ?

כאַפּ אַ קוק אין מײַנע אויגן,
דאַן פּרוביר אַנטלויפֿן.
אויף ליבע בין איך ניט קיין אַלטע
מיר װעלן זײַן װי טויבן
בעסער װי אַ יונגע קאַלטע
מעגסט מיר הייליק גלויבן.

חלפתא

(מיט אַלטער מעלאָדיע)

דײַן טאַטע איז אַ סמאַראװאזניק. —

קאַטי

(שרײַט אים אַרײַן אין פּנים)

װעסט האָבן אַזאַ סוף װי מאַזעס. ער ליגט איצט אין ברױנעם קעלער. ער האָט געגנבעט אַ גרענעץ.

חלפתא

קאַטי, װאָס רעדסטו, איז עס אמת? (טרייסלט זי) איך, זאָג —

קאַטי

(ברעכט אויס אין אַ געװײן) אמת, — װײ— גאַלד —

חלפתא

(לויפֿט אַרויס, צװײ טראָמפּייטן בלאָזן אויס אין דרויסן)

קאַטי

װײ איז מיר! מער װאָלט מיר ניט געפֿעלט. (זי װישט זיך די אויגן, טוט אָן אַ שמייכל אויף די ליפּן. צװײ טײַטשן מיט די טרומפּייטן קומען אַרײַן און שטעלן זיך אַװעק בײַ דער טיר)

קאַטי

שױן, אָפּגעלאָזן: זע, װי מען זשאַלעװעט אַ בלאָז — (עס קומט אַרײַן דאָס קליינע עלטסטערל, ער קוקט זיך אַרום שטרענג אַרום דעם צי־מער, נאָך אים קומט דער הױפּט קנאַקער, דער הויפּט שפּילער, דער הויפּט ריידער, דער מיניסטער, דער הויפּט יעדנעראַל דער אונטער־יעדנעראַל).

עלטסטער

האָט מען זיך גוט אַרומגעקוקט?

קנאַקער

גוט אַרומגעקוקט, אדוני עלטסטער, קענסט זיך פֿאַרלאָזן.

עלטסטער

(קוקט זיך אַרום) וואו איז דער באַלדאַך?

שפּילער

(אין פאַרלעגנהייט) איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אדוני עלטסטער —

עלטסטער

איך דאַרף ניט דעם אמת!

קנאַקער

וואָס שטייסטו און טראַכסט. מען זאָגט דיר, מען דאַרף ניט, דאַרף מען ניט.

שפּילער

אַז מען דאַרף ניט דאַרף מען ניט, איך דינג זיך דען?

עלטסטער

עס זאָל מיר ווערן דער יונגער באַלדאַך.

ריידער

(שמייכלענדיק) פאַרוואָס פאַרשטייסטו ניט אדוני עלטסטער, ער האָט מורא — דו פאַרשטייסט דאָך, עס לוינט זיך ניט פאַר אים.

קאַטי

געהערט אַזוינס. גייט מען און מען פאַרלירט אַ באַלדאַך!

(פרעגט ביים דיט) וואָס איז דאָס אַזוינס?

עלטסטער

איך האָב ניט ליב אַזוינע געשעפטן. איך וויל דעם באַלדאַך.

שפּילער

(שטאַרק דערשראָקן) אָט גיי איך אים שוין רופן. (ער שרייט אַרויס) באַלדאַך! באַלדאַך! (עס הערן זיך ווי ווידערקולן: שרייענדיק: באַלדאַך. צולעצט גייט דער שפּילער אַרויס און אַוועק).

עלטסטער

(גייט אַרום שטאַרק אין כעס) מען קען צעפּלאַצט ווערן. מען קען צע־פּלאַצט ווערן.

ריידער

מען קען צעפּלאַצט ווערן.

יעדנעראַל

(צום מיניסטער) און דאָס וועט זיין אונדזער רעגירער.

קנאַקער

וואָס האָט איר גערעדט, הער יעדנעראל?

יעדנעראַל

איך האָב גלאַט געזאָגט אַזוי צו האָבן דאָס גענאַד פון אַ רעגירער!

קנאַקער

וואָס הערט זיך מיט מיין טיטול?

יעדנעראַל

אַנטשולדיקט הער, יעדנעראַל, די צייטן זיינען מיר אַלע יעדנעראַלן.

קנאַקער

דאָס זיינען נייע צייטן, הער יעדנעראַל.

קאַטי

אַזאַ יאָר שוין אויף מיר ווי אמת ער זאָגט.

ריידער

שוין צייט, אַז איר זאָלט וויסן, אַז ווען דאָס פאָלק (ער לאָזט זיך אַוועק אין אַ לאַנגער רעדע) האָט אַרונטערגעוואָרפן די קייטן פון זיינע באַדריקערס און האָט שטאָלץ אויפגעהויבן —

קנאַקער

(אונטערברעכט אים) אויפגעהויבן, וואָס? (יענער ווערט צעמישט). אדרבה, זאָג וואָס. (די איבעריקע צעלאַכן זיך)

ריידער

אדוני עלטסטער, איך פּראָטעסטיר, אין נאָמען פון —

קנאַקער

אין נאָמען פון וואָס? — גיי זעץ זיך אַוועק און האָק ניט קיין טשאַיניק.

קאַטי

עס איז ניט צום אויסהאַלטן פון אים. דאָס מויל שטייט אים ניט אויף אַ מינוט.

עלטסטער

נאָך אַלץ ניטאָ, דער באַלדאַך?

קאַטי

וואָס פאַר אַ מין איז דאָס דער באַלדאַך?

מיניסטער

דאָס איז דער נייער שטערן אויף אונדזער הימל, פריילין.

עלטסטער

איך האָב דעם באַלדאַך געבראַכט אַהער, ווייל איך וויל, אַז זאָלסט זיך מיט אים באַקאַנען. (צווישן די איבעריקע ווערט אַ געשושקעריי וועגן דעם: אַזוי, אַזוי) — ער איז אַ פיינער יונגער העלד.

אלע

(ווערן מיט אַמאָל איבערצייגט פון באַלדאַכס גרויסקייט רינגלען אַרום קאַטין). א, ער איז פיינער יונגערמאַן — אַן אמתער העלד — אַ פאַרשוין — אַ שיינהייט — אַן אבער מענטש — אַ העלד, פריילין קאַטי גאַר אַ פיינער יונגערמאַן פון אַ גרויסער משפחה —

קאַטי

וואו איז ער שוין?

(דער שפילער קומט צולויפן)

שפילער

(אין איין אָטעם) ער גייט, אדוני עלטסטער, אָט קומט ער, ער איז שוין דאָ — (אַלע מאַכן אַ ווארע פון דעם עלטסטן ביז צו דער טיר. שוראַך פון באַלדאַך קומט אַריין).

באַלדאַך

(מאַכט אַ מיליטערישן סאַלוט) איך בין גרייט צו דיין דינסט, גרויסער פון אַלע גרעסטע.

קנאַקער

דאָס זיינען ווערטער.

שפילער

אַז איך — —

עלטסטער

דו זאָלסט וויסן, אַז פון היינט מאָל אָן זאָלסטו פון קיינעם קיין באַפעלן ניט נעמען אַ חוץ פון מיר.

באַלדאַך

דו באַפעל, אדוני עלטסטער.

עלטסטער

איצט וויל איך דו זאָלסט זיך באַקאַנען מיט מיין שוועסטער. דאָס איז אַ יונגערמאַן, וואָס וועט וואַקסן, קאַטי, דאָס איז שוראַך פון באַלדאַך.

אלע

הערט, הערט — —

קאַטי

(פאַרנייגט זיך טיף) זייער שטאַרק אנגעלייגט.

עלטסטער

און דאָס איז מיין שוועסטער קאַטערינע.

קאַטי

נישט קשה, איר מעגט מיך רופן קאַטי, אַלע רופן מיך קאַטי.

באַלדאַף

(מאַכט אַ טיפע פאַרנייגונג און איז זייער העלדיש) עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר מיר. איך וועל אַלעמאָל זיין גרייט צו קעמפן פאַר דעם כבוד פון מיין פירערס שוועסטער.

קאַטי

טיא, טיא, ס׳ארא פיינקייט!

עלטסטער

איצט, מיינע געטרייע, דאַרף מען פאַרגעסן די קלייניקייטן און איבער־גיין צו וויכטיקע ענינים.

קאַטי

אדעשע, קרוין, דאָס האַרץ מוז דיר דאָך חלשן.

עלטסטער

שפעטער, שפעטער.

קנאַקער

מען קען ניט פאַרהאַנדלען ביז דער גרויסער טראַכטער קומט.

ריידער

ווער איז ער דאָס דער גרויסער טראַכטער מען זאָל אויף אים דאַרפן וואַרטן..

באַלדאַף

ווער איז דאָס אַזוינס דער גרויסער טראַכטער?

קנאַקער

דו מעגסט עס וויסן, יונגערמאַן, עס איז דער גרעסטער טראַכטער פון אַלע טראַכטערס. ער טראַכט אויס די בעסטע טראַכטענישן.

דער ריידער

אויב דו ביסט עס אַזאַ מבין, זאָג מיר מיט וואָס טראַכט מען?

קנאַקער

(איז גופּלעפּט) פרעג מיך עפּעס גרינגערס.

ריידער

זעסט ווי דו ביסט אַ געפּלעפּטער. (אַלע לאַכן)

מיניסטער

מיינע הערן, איז דאָ דער פּלאַץ זיך צו קריגן, אין קעגנוואַרט פון אונדזער עלטסטן?

קאַטי

אוי, קינדערלעך, וואָס דאַרפט איר זיך קריגן, ברענגט אַ יידן וועט ער שוין פאַר אייך טראַכטן און טראַכטן.

ריידער

אדוני עלטסטער, איך פּראָטעסטיר קעגן דעם פאַרשלאָג, אַ חוץ דעם רעדט זי מיטן אַקצענט, אויב איך מעג מיר דערלויבן די פרייהייט וועל איך זאָגן אַז זי „מאָושעלט".

קאַטי

אַט האָסטו דיר אַ משל, מאושעל — קאפּאושעל. פּרנסה איז דאָ דאַרף מען זיך קריגן. מיר זיינען דאָך ווי אן אייגענע משפּחה. טפו, טפו — קיין בייז אויג קיין עין הרע.

עלטסטער

(איז געפּייניקט פון דער סצענע) פאָלג מיך, קאַטי, נעם דעם יונגן באַלדאַך און גיי אַ ביסל שפּאַצירן.

קאַטי

פאַרוואָס דען ניט, איר ווילט גיין הער באַלדאַך?

באַלדאַך

אַז דער פירער הייסט, מוז איך. (ער באַט איר אַן דעם אָרעם און פירט זי אַרויס).

קאַטי

מאַמע געטרייע, וואָס פאַר אַ קאַוואַליער איז עס (זיי גייען אַרויס)

יעדנעראַל

(פאָכעט זיך) פוה — עס איז הייס —

מיניסטער

(שטיל) הער יעדנעראַל — ווי געפעלט אייך דאָס אידימל?

יעדנעראַל

אַ פיינער יונגערמאַן, נאָר ווי ווערט מען פון אים פּטור.

ריידער

אַך, וואָס פאַר אַ פיינקייט —

קנאַקער

דו רעדסט, דו און דער שפּילער וואָלטן אים וועלן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער.

שפּילער

איך? — איך? — איך בין אַ קינסטלער, וויל איך איר זאָלט וויסן.

טייטש

(ביי דער טיר) **עס גייט, עס גייט, דער גרויסער טראַכטער!**

(אַלע שווייגן זייערע בליקן זיינען צוגעקלעפּט צו דער טיר).

קנאַקער

פּאַרוואָס קומט ער שוין ניט?

טייטש

ער גייט, ער גייט, אָט איז ער שוין דאָ! (עס קומט אַריין טיף פאַר־טראַכט, דער גרויסער טראַכטער, ער פאַרנייגט זיך פאַר דעם עלטסטן און בלייבט שטיין אין אַ פּאָזע).

טראַכטער

(ער רעדט מיט אַ שאַרפן ליטווישן אַקצענט) **גרויסער, געהויבענער, אַלמעכטיקער און אַלגעוועלטיקטער.**

קנאַקער

איר הערט ווערטער — (טראַכטער גיט אויף אים אַ בייזן קוק) **שוין, שוין, איך זאָג שוין גאָר ניט.**

טראַכטער

אַלגעוועלטיקטער און אַלגעשטאַלטיקער (קנאַקער שאָקלט צו מיטן קאָפּ) **איינער און איין איינציקער פון עק וועלט ביז עק וועלט, אדוני עלט־סטער, איך דיין אומווירדיקער קנעכט, וואָג עס צו באַגריסן דזשיך!** (פאַלט אויף די קני) **דו בינסט וואטאן, דו בינסט טאָר, פון דזשיר קומט ליכט, פון דזשיר קומט פינצטערניש, דו ביסט פון פייער, דו ביסט פון וואַסער.**

יעדנעראַל

(צום מיניסטער) **דאָס הערט מען פון די רייד.**

טראַכטער

דו ביסט גאָט דו ביסט דער טייפל אַלץ קומט פון דזשיר, אַלץ גייט צו דזשיר, איך באַגריס דזשיר, איך באַגריס דזשיר

מיניסטער

ווען ער וואָלט ניט ריידן ווי אַ ליטוואַק.

יעדנעראַל

ביי זיי אין ריגע רעדט מען אַזוי.

מיניסטער

אַ מאָדנע זאַך, אַלע ליטוויקעס קומען פון ריגע.

עלטסטער

שטיי אויף מיין געטרייער דינער און פאַרנעם אַ פּלאַץ ביי אונדזער וויכטיקער אסיפה. (דער טראַכטער זעצט זיך) איצט מיר זיינען שוין אַלע פאַרזאַמלט, לאָמיר אויסהערן אַ באַריכט וועגן אונדזער אַרבעט.

הויפּט ריידער

(שטעלט זיך אויף פּאַר אַ לאַנגער רעדע) אדוני עלטסטער, גרויסער פירער און איר —

עלטסטער

פריער וואָלט איך געוואָלט הערן וועגן דער אַרבעט פון אונדזער הויפּט קנאַקער.

קנאַקער

נאָר ער שטופּט זיך, קאַנאַריק, וואו קריכסטו?

מיינע פריינט. איר ווייסט דאָך קיין גרויסער רעדנער בין איך נישט, אָבער ווען עס קומט צום טאָן, מעגט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזן. הכלל, צו באַריכטן האָב איך אָט וואָס. איך קום באַלד צום פּונקט. מיר האָבן דורכגעפירט אַ פּאָגראָם, אייגנטלעך קען מען עס נאָר אָנרופן אַ פּאָגראָמל. אָבער עס האָט אונדז באַוויזן איין זאַך. אַז פּאָגראָמען קען מען מאַכן.

מיניסטער

יאָ, מיינע פריינט, עס איז טאַקע פיין צו שעדיקן די יידן, אָבער וואָס וועט אויסלאַנד זאָגן.

טראַכטער

אויסלאַנד, שמויסלאַנד. שיקט מיך, איך וועל אַלץ פאַרריכטן.

ריידער

אויסלאַנד לאָזט איבער צו מיר.

קנאַקער

אַלץ לאָזט צו אים, אָבער קומענדיק צוריק צו דער טעמע פון היינטיקן אָוונט.

ריידער

(שפּרינגט אויף) איך פּראָטעסטיר! ער האָקט מיר איבער די רייד.

קנאַקער

דאַנק גאָט אַז ניט איבער די זייטן. (אַלע לאַכן)

ריידער

איך פּראָטעסטיר.

קנאַקער

זעץ זיך אַוועק און דריי ניט אַ מוח, — איך מוז ווייטער באַהויפּטן, (קלאַפּט מיר דער פויסט אין דער דלאָניע) אַז פּאַגראַמען קען מען מאַכן. אַי איר זאָגט אויסלאַנד? ווער זיינען מיר דאַס, פרעג איך? (דער טראַכטער „פּעטשעלט״ די הענט) אדרבא, איך פרעג ביי איך? איז ניט די גאַנצע מאַכט אונדזערע? און ווער זיינען זיי אין דעם אויס־לאַנד? — האַ, איר שוויגט? — אַי, דער אַלטער קווענקלט זיך. אַז ווי לאַנג לעבט אַ מענטש. און ווען דער אַלטער וועט אַוועק, איז „וויאָ״! עס וועט אַוועקגיין אַ גאַנג.

הויפּט טראַכטער

איך זאָג פּאַגראַמען זיינען טאַקע וויכטיק. אָבער וויכטיק איז אַז מיר זאָלן אַוועקשטעלן אונדזערע גרויסע געטער אויף זייער פּלאַץ, וואָס ווערט איצט פאַרנומען פון דעם יידישן גאָט און איבער אַלע דאַרפן מיר אַוועקשטעלן אונדזער גרויסן עלטסטן אַליין.

אַלע

(אַ חוץ דעם מיניסטער) בראַוואָ! בראַוואָ!

הויפּט ריידער

עס איז טאַקע אמת, אַז אונדזער עלטסטער איז דער מעכטיקסטער פון הימל ביז צו דער ערד (רעדנעריש) אָבער די הויפּט זאַך זיינען דע־מאָנסטראַציעס! גרויסע מעכטיקע דעמאָנסטראַציעס, אַז דאָס פאָלק זאָל זען ווער מיר זיינען. (טראַכטער פּעטשלט בראַוואָ) מיר דאַרפן האָבן פאָנען, מיר דאַרפן באַנדעס קלעזמער, מען דאַרף מאַרשירן, מאַרשירן מיט פאָנען, מיט פויקן און מיט טאַצן, מאַרשירן און שרייען הורא. (טראַכטער פּעטשעלט)

קנאַקער

איך האַלט זיך ביי מיינעם, מיר דאַרפן גרויסע מעכטיקע פּאַגראַמען. (טראַכטער פּעטשעלט).

עלטסטער

איך וואָלט וועלן הערן, וואָס אונדזערע יעדנעראַלן האָבן צו זאָגן.

הויפּט יעדנעראַל

(רעדט רואיק און געלאַסן) טייערע פריינט, פון די אַלע רייד וואָס איך האָב געהערט בין איך דערגאַנגען, אַז איר אַלע קענט אונדזער פאָלק, אָבער ניט אינגאַנצן, ווייל איר האָט פאַרגעסן איין זאַך וואָס אונדזער

פאָלק מוז האָבן מער פון אַלץ, און דאָס איז — מלחמה. (עס ווערט אַ געקלאַפּעריי און אַ געשריי) „הוראַ!" און „בראַוואָ"!

טראַכטער

טאָקע ריכטיק, מלחמה, אָבער מיט וועמען, פּאַני יעדנעראַל?

יעדנעראַל

אַ ריכטיקע פראַגע. אָבער אַפילו דאָס האָבן מיר שוין אויסגעאַרבעט. לויט אונדזער גרינטלעכן פּלאַן דאַרפן מיר האַלטן מלחמה מיט — — דער וועלט.

טראַכטער

מיט דער גאַנצער וועלט?

קנאַקער

דאָס וואָלט שוין זיין איינמאָל אַ מלחמהלע־גנב, אָבער ווי אַזוי הייבט מען עס אָן?

יעדנעראַל

זייער איינפאַך. מיר הייבן אָן פון אונדזער ערגסטן שונא. ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך מיין די רוסן.

עלטסטער

ווי קענען מיר מיט זיי אָנהייבן, אַז זיי האָבן אַזויפיל פאַרבינדעטע און מיר האָבן קיינעם ניט?

יעדנעראַל

פאַראַן, מען דאַרף נאָר זוכן צווישן זייערע שונאים.

קנאַקער

די יאַפּאַנטשיקעס!

יעדנעראַל

געטראָפן. זיי ווידער זיינען ניט קיין גרויסע פריינט פון אַמעריקע. און — אָט האָט איר שוין אַ וועלט מלחמה. די רוסן און אַמעריקע פון איין זייט, מיט זיי די פראַנקען. מיר, די יאַפּאַנטשיקעס, פּוילן און נאָך עטלעכע קליינינקע מלוכהלעך פון צווייטן צד. צו יענעם צד קען מען נאָך צורעכענען די טשעכן. מיינט איר אַז דאָס איז אָן אומגליק? ווען דערפאַר די איבעריקע מלוכהלעך גיין מיט דעם, וואָס וועט זיין שטאַרקער.

טראַכטער

און וואָס הערט זיך וועגן ענגלאַנד און איטאַליען?

יעדנעראַל

קענט איר דאָך איטאַליע, היינט איז זי מיט אונדז און מאָרגן איז זי מיט אַן אַנדערן, פאַר זיי מוז עס זיך לוינען. ווי קענען זיי גיין מיט די פראַנקען, אַז איינער איז כסדר דעם אַנדערן אין וועג. לסוף וועלן זיי זיין מיט אונדז און קעגן די פראַנקען, איבערהויפּט ווען עס וועט זיך לוינען.

טראַכטער

אָבער ענגלאַנד איז אַ האַרטע נוס צו קנאַקען.

יעדנעראַל

ניט אַזוי האַרט. איך פרעג בײַ אייך, וואָס קען ענגלאַנד געווינען אין אַזאַ מלחמה? גאָרניט. וואָס קען זי פאַרלירן? אַלץ. אַ מלחמה מיט אַן אַזיאַטישער מאַכט קען צעטרייסלען די גאַנצע אימפּעריע אירע. וואָס זי וועט טאָן איז דאָס: זי וועט בלייבן נייטראַל און מאַכן גוטע געשעפטן. מיר דאַרפן זיך נאָר היטן פאַר נאַרישקייטן.

עלטסטער

דענקט איר, הער יעדנעראַל, אַז מיר קענען געווינען אַזאַ מלחמה?

יעדנעראַל

מיר קענען זי גאָר ניט פאַרלירן. אָבער צוגעגרייט מוז מען זיין. אַלע מוזן זיין צוגעגרייט, דאָס גאַנצע פאָלק.

עלטסטער

און וואו וועט זיך די מלחמה אָנהייבן?

יעדנעראַל

דאָס מוזן מיר איבערלאָזן פאַר אַנדערע, נאָר אין אַ נויטפאַל וועלן מיר גיין באַפרייען אונדזערע אונטערדריקטע ברידער אין פרעמדע מדינות.

ריידער

(האַלט שוין אַ רעדע) מיר מוזן באַפרייען אַלע אונדזערע ברידער! אונדזער בלוט און פלייש שמאַכט אונטער אַ פרעמדן יאָך. דערפאַר זאָג איך, אַז מען דאַרף אויפוועקן דאָס גאַנצע פאָלק! ווען אונדזערע גרויסע אָבות זיינען געגאַנגען אין דער מלחמה —

קנאַקער

מען האָט שוין געהערט.

טראַכטער

דאָס איז וויכטיק, זייער וויכטיק, מען מוז טראַכטן וועגן אונדזערע געטער.

עלטסטער

מיינע פריינט! איר דאַרפט זיך ניט קריגן. אַלע פּלענער זיינען גוט. מיר וועלן דערפאַר אויספירן אַלע פּלענער. דערווייל, ביז מיר וועלן קריגן די גאַנצע מאַכט, זאָלן מיר דערווייל אָנגיין מיט די צוויי וויכ־טיקסטע אַרבעטן: דעמאָנסטראַציעס און פּאָגראָמען.

קנאַקער

וואָלט איך פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן כאַפּן דעם גרעסטן יידן, דעם ייד, מרדכי וויינשטיין, דעם ייד מאָזעס האָבן מיר שוין געכאַפּט.

עלטסטער

(ווערט גאָר אַ לעבעדיקער) דאָס איז דער בחור מיט דעם קלוגן קאָפּ?

קנאַקער

טאַקע דעם זעלביקן.

עלטסטער

איך וויל אים זען נאָר ניט איצט, שפּעטער, און שיקט באַלד נאָך דעם יידן מרדכי.

קנאַקער

וועמען גיט מען אַזאַ איידעלע שטיקל אַרבעט?

עלטסטער

(טראַכט) דעם יונגען באַלדאַך. געפינט אים.

שפּילער

(לויפט צו דער טיר) שוראַך פון באַלדאַך (אַנדערע נעמען אויף דעם געשריי אין דרויסן און ער הערט זיך ווי אַן עכאָ. דערווייל קומען אַריין שוראַך פון באַלדאַך און קאַטי).

קאַטי

(בסוד צום עלטסטן) אדעשע קרוין, איך מוז דיר זאָגן, אַז אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

עלטסטער

גיב אַכטונג ווי דו רעדסט.

קאַטי

אַ דאגה דיר — איך בין שוין פאַרליבט.

באַלדאַך

אדוני עלטסטער, איך שטיי צו דיין באַפעל.

עלטסטער

איך האָב פאַר דיר אַ וויכטיקע שליחות. דו ווייסט וואו עס וואוינט דער ייד, מרדכי וויינשטיין? ברענג אים אַהער.

קאַטי

(אין אַ פאַרלעגנהייט, הוסט) ה־ם, ה־ם־

אַנדערע

(הוסטן אויך). ה־ם, ־ ה־ם־

יעדנעראַל

עס איז עפּעס פאַראַן היינט אַזאַ מאָדנע זאַך אין דער פּאַגאָדע.

עלטסטער

עס איז אַ דעליקאַטנע שטיקל אַרבעט. גאַרטל זיך אונטער און פיר עס אויס.

באַלדאַך

אדוני עלטסטער, ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. (מאַכט אַ מיליטערישן סאַלוט און גייט אַוועק, עס איז שטיל).

מיניסטער

אדוני עלטסטער, אויך איך האָב עפּעס צו זאָגן (אַ באַוועגונג צווישן אַלע) איך האָב צו זאָגן, אַז כדי אויסצופירן די אַלע פּלענער, מוז מען האָבן דריי זאַכן: געלט, געלט און געלט. (מיט כעס) איך מוז דאָס ווידער איבערחזרן. אויב איר וועט מאַכן פּאַגראָמען וועל איך קיין געלט ניט געבן. (עס ווערט אַ טומל)

קנאַקער

ווי וואַגט ער עס, דער —

טראַכטער

עס איז אַן עזות!

ריידער

דרך ארץ, דאַרף ער האָבן, ווער איז ער עס.

מיניסטער

איך וועל ניט געבן ווייל איך וועל ניט האָבן. איך וועל ניט קענען קריגן.

עלטסטער

(רואיק) וועגן געלט זאָכן פאַרשטייען מיר גאָר ניט, טוט וואָס איר פאַרשטייט, רייסט שטייערן, באַרגט און באַצאָלט ניט, נאָר געלט זאָל מיר זיין. די פּאָגראָמען וועלן מוזן אָנגיין.

מיניסטער

אויב איר וועט אַנגיין מיט אַזאַ מעטאָד, וועט אייער גאַנצע געביידע קראַכן.

טראַכטער

ער איז קעגן דער רעוואָלוציע!

ריידער

פאַררעטער!

קנאַקער

טויטן דאַרף מען אים!

יעדנעראַל

איך מוז זיך אַנשליסן אָן זיין מיינונג. אויב איר וועט צעטיילן די באַפעלקערונג אין צוויי לאַגערן און איר וועט שאַפן אַ שטימונג פון האַס אין אויסלאַנד, וועט אונדזער גאַנצע רעוואָלוציע קראַכן נאָך איידער איר וועט קריגן די גאַנצע מאַכט.

עלטסטער

(קלאַפּט מיט דער פויסט אָן טיש) איך — — (עס הערט זיך בלאָזן פון אַ טרומפּייט) וועל ניט דערלאָזן.

קנאַקער

וואָס איז דאָס? — (אַלע הערן זיך איין).

יעדנעראַל

דאָס איז אַ שליח —

קנאַקער

אַ שליח פון וועמען? —

יעדנעראַל

(אַלע ווייסן שוין און זיינען אַנגעלאָדן מיט שרעק פאַר דער וויכטיקייט פון דעם שליח, אָבער זיי ווילן עס הערן פון אימיצענס מויל און דער יעדנעראַל זאָגט זיי) — אפשר פון דעם אַלטן אַליין. (פויזע. עס הערט זיך ווידער דאָס בלאָזן פון טרומפּייט).

עלטסטער

דער אַלטער?

קנאַקער

אפשר — — אפשר — — איז ער שוין — — ניטאָ?

יעדנעראַל

(דרייט זיך אויס אין כעס) ווער האָט דאָס געזאָגט?

קנאַקער

שאַט, שאַט, קאַכט זיך ניט, מען קען גאָר ניט וויסן. (אַן אַנגעצויגענע שטילקייט הערשט. אַלע אַנדערע גייען אַוועק אויף רעכטס, קאַטי קומט אַרויס און שטעלט זיך לעבן איר ברודער וואָס שטייט אויף לינקס. דער שליח קומט אַריין.)

די אַדיוטאַנטן

(שפּרינגען צו) פון וועמען? פון וועמען?

עלטסטער

(שטרענג) אַן אַ זייט. (אַלע טרעטן צוריק)

דער שליח

דער אַלטער איז — — — געשטאָרבן. (עס איז שטיל דער קנאַקער הייבט אויף דאָס קול צום ערשטן).

קנאַקער

הייל צו גרויסן פירער!

אַלע

הייל! הייל! הייל! (פּויזע)

עלטסטער

עס פילט מיך אַן מיט טרויער, וואָס אונדזער גרויסער, גרעסטער, אַלגרעסטער יעדנעראַל און פירער האָט אונדז פאַרלאָזן אין אַ שווערער צייט. איך פיל זיך געצוואונגען איבערצונעמען די גאַנצע פירערשאַפט אין מיינע הענט. אויב איר, וואָס זייט איצט דאָ, וועט זיין געטריי וועל איך אייך איבערגעבן אויסצופירן מיין ווילן. קיין אַנדערער ווילן איז דאָ אין לאַנד ניט פאַראַן.

קנאַקער

הייל! הייל! הייל! — הייל, אונדזער איינציקן פירער!

אַלע

הייל, הייל, הייל!

קנאַקער

ווער עס איז מיט אונדזער עלטסטן, דער איז מיט אונדז, און ווער עס וועט זיך שטעלן אַנטקעגן וועלן מיר מיט די קנאַפּל צעטרעטן. איך בין דער ערשטער צו שווערן אייביקע געטריישאַפט צו אונדזער עלטסטן!

אַלע איבעריקע

(הייבן אויף די הענט) מיר שווערן! מיר שווערן!

חלפתא

(שטעקט אריין דעם קאפ דורך א פענצטער) **אין דעם זכות וועט איר אלע געהאנגען ווערן.** (פארשווינדט. אלע זיינען דערשראקן).

קנאקער

ווער איז דאס געווען?

טראכטער

עס האט געקלונגען ווי א יידיש קול.

קנאקער

(צום טייטש) גיי געפין אויס פון די וועכטער. (טייטש גייט ארויס און קומט אריין צוריק).

טייטש

עס איז דא קיינער ניט געווען.

שפילער

אפשר א געשפענסט?

ריידער

מען דארף מאכן א שטרענגע אונטערזוכונג.

עלטסטער

מען דארף גאר ניט. איך האב פאר קיינעם קיין מורא ניט. די וואס ווילן זיך מיר אנטקעגן שטעלן וועל איך מיט מיינע אייגענע הענט דערשיסן. גייט אלע, דערפילט אייער שליחות. גרייט צו דאס פאלק צו מלחמה.

אלע

הייל! הייל! הייל! (זיי גייען ארויס הינטערווייליקטס. פויזע)

קאטי

איך האב א מאלצייט פאר א מלך. דו האסט נאך היינט אין דיין מויל ניט געהאט.

עלטסטער

ניטא מער קיין מלך, איך בין אלץ.

קאטי

אזא מזל, אזא מזל —

(עס ווערט פינצטער שנעל. אין דער פינצטער הערן זיך צוויי קלעפ מיט א האמער אויף א לאדן, דערנאך א קול.)

קול

שטייט אויף צו טאן עבודת הבורא.

(די סצענע בייט זיך — הויז פון ר׳ מרדכי, ווי אין אנהייב פון אקט. עס איז פינצטער נאר פון דערווייטנס ווייזט זיך א ליכט דורך א טיר אין אנדערן צימער. עס איז קיינער ניטא אויף דער בינע. ר׳ מרדכי און אסתר קומען באלד ארויס דערשראקענע).

אסתר

אזוי פרי?

ר׳ מרדכי

דאס איז ניט דער שמש.

קול

שטייט אויף צו טאן עבודת הבורא!

אסתר

עס איז חלפתא, איך דערקען זיין קול.

ר׳ מרדכי

באלד (ער מאכט אויף די טיר, חלפתא קומט אריין) דו גאר!

חלפתא

עס איז שלעכט — דערשרעקט זיך ניט. מאזעס איז אין ברוינעם קעלער, און דער אלטער איז —

ר׳ מרדכי

געשטארבן?

חלפתא

טויט — — אסתר! (ווי וואקלט זיך)

ר׳ מרדכי

(כאפט אן אסתרן) אסתרקע שטארק זיך.

אסתר

שוין, שוין. עס איז גארניט.

חלפתא

באלעבאס לעבן, הערט זיך צו צום נארישן חלפתא. אנטלויפט, באלע־באס לעבן, איר מיט אסתרקן.

ר׳ מרדכי

וואָס רעדסטו, זיך ראַטעווען און אַלעמען פאַרלאָזן?

אסתּר

ער איז גערעכט, פעטער, איר מוזט זיך ראַטעווען, ווייל אייך וועלן זיי זיכער זוכן צום ערשטן.

חלפתא

און דיך אויך אסתרקע, דו מוזט אויך אַוועק אַזוי באַלד ווי מעגלעך.

אסתּר

מאַזעס איז דאָ און איך זאָל אַוועק פון דאַנען? איך וועל בלייבן מיט דיר, חלפתא.

ר׳ מרדכי

ביידע רעדט איר ווי קינדער. איר דאַרפט זיך ראַטעווען, אָבער מיין פּלאַץ איז דאָ.

חלפתא

(בעט זיך) באַלעבאָס, אַז איר ווייסט ניט. האָט אויף מיר קיין פאַר־איבל ניט. איר ווייסט ניט, און ווייסט ניט. איר מוזט אַוועק, און יעדע מינוט קען ווערן צו שפּעט. (מען קלאַפּט שטאַרק אין די לאָדן) אַט זיינען זיי — גיך, גיך זאָלן זיי אייך דאָ ניט געפינען.

אַ קול

(אין דרויסן) מאַכט אויף אין נאָמען פון אונדזער עלטסטן.

ר׳ מרדכי

מען מוז אויפמאַכן.

חלפתא

וואַרט, וואַרט, מאַכט נאָך ניט אויף, מען דאַרף אַ טראַכט טאָן. געלט? — ניין, זיי ווילן אייך און, אפשר — אסתרן (בעט זיך) גייט באַלע־באָס לעבן, גייט, פאָלגט אַ משרת אַ שוטה — וואַרט דאָ, איך וועל געבן אַ קוק צי מען קען אַרויסגיין פון דער הינטער־טיר. (גייט אַוועק און קומט באַלד צוריק) אַרומגערינגלט אַרום און אַרום.

ר׳ מרדכי

מען מוז אויפמאַכן.

חלפתא

לאָזט מיך. כאַטש דו, אסתרקע, גיי באַהאַלט זיך.

ר׳ מרדכי

גיי, גייט. — (אסתר גייט אַוועק אינעווייניק)

חלפתא

וועד איז דאָרט?

דאָס קול

מאַכט אויף, אויב ניט ברעכן מיר די לאָדן.

חלפתא

מיך וועלן זיי ניט זוכן — גערעכט — כאָטש איך וועל בלייבן. איך מוז בלייבן. (אַנטשלאָסן) איר, באַלעבאָס, מאַכט אויף די טיר, איך וועל זיך באַהאַלטן. (גייט אַוועק אין הינטערגרונט, דאָס קלאַפּן ווערט שטאַרקער).

ר׳ מרדכי

איין מינוט, אָט עפן איך. (ער מאַכט אויף די טיר און עס קומען אַריין שוראַך פון באַלדאַך מיט צוויי טייטשן).

טייטש

אָט דאָס איז ער.

ר׳ מרדכי

איך בין מרדכי ווײַנשטיין, אַ פרידלעכער בירגער, אַ קינדערלאָזער אלמן, און געטריי דער מלוכה.

באַלדאַך

קום מיט אונדז.

ר׳ מרדכי

מיט וואָס פאַר אַ רעכט ווילסטו מיך אַוועקנעמען פון מיין היים אינמיטן דער נאַכט?

טייטש

קאַשיות וועסט פרעגן, דו ייִד, אָט מיט דעם רעכט. (ער הייבט אויף די בייטש און וויל ר׳ מרדכין דערלאַנגען. אסתר שפּרינגט אַרויס פון דער טיר און כאַפּט אַן זיין האַנט).

אסתר

ניטע!

באַלדאַך

(איז דערשטוינט פון איר שיינקייט) אַה, — וועד איז דאָס? דו האָסט דאָך געזאָגט אַז דו ביסט קינדערלאָז?

ר׳ מרדכי

דאָס איז מיינע אַ פּלימעניצע, אַן אָרעמע יתומה.

באלדאך

אַזוי — אייער פלימעניצע ? (פאַרנייגט זיך פאַר אסתּרן) איך וועל אייך פאַרזיכערן, פריילין, אַז אייער אַנקל וועט קיין שום שלעכטס ניט גע־שען. מיר מוזן אים פאַרנעמען פאַר זיין אייגענער טובה וועגן. מיר וועלן אים אויסהיטן אויף דעם בעסטן אופן, און לאַנג וועלן מיר אים סייווי ניט האַלטן.

אסתּר

אַז אונדז טשעפּעט קיינער ניט.

באלדאך

עס איז דער באַפעל און איך בין אַ סאָלדאַט אין דער גרויסער רעוואָ־לוציע.

ר׳ מרדכי

טענות וועלן ניט העלפן, אסתּר, איך וועל גיין און דער אייבערשטער וועט מיך באַהיטן.

באלדאך

עס איז מיר זייער לייד, וואונדערלעכעס פריילין, אַז איך מוז אייך פאַר־שאַפן שמערצן, אַבער פליכט איז פליכט. (אין דער שטיל צו אסתּרן) מיין נאָמען איז שוראך פון באלדאך. איך וויל אייך זען. אַדיע.

אסתּר

איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, יונגער הער, אַז עס זאָל מיין אַנקל קיין בייז ניט געשען.

טייטש

אפשר וואָלטן מיר זי אויך פאַרנומען.

באלדאך

(שטרענג) ווער איז דאָ דער קאָמענדאַנט ? — פאַרווערטס מאַרש !

אסתּר

אַנקל ! (פאַלט אים אויפן האַלדז)

ר׳ מרדכי

שרעק זיך ניט, מיין קינד, האָב בטחון אין גאָט, ער וועט אונדז באַ־היטן. (באלדאך, די טייטשן, מרדכי גייען אַרויס).

אסתּר

(פאַלט אַוועק אויף אַ שטול און וויינט מיט ביטערע טרערן. חלפתּא קומט אַרויס)

חלפתאָ

אָט האָסטו, דאַרפסטו זיך איצט נעמען וויינען. מען דאַרף דאָך עפּעס נעמען טאָן.

אסתר

וואָס קען איך טאָן, אַן אָרעמע יתומה, איינע אַליין ?

חלפתאָ

וואָס הייסט וואָס דו קענסט טאָן. מען דאַרף באַפרייען מאָזעסן.

אסתר

מאָזעסן ?

חלפתאָ

(טיף פאַרזונקען אין טראַכטעניש) דווקא מאָזעסן.

אסתר

אָבער ווי אַזוי ?

חלפתאָ

הער זשע, אסתר, זעסט דעם יאָלד, דעם דייטשוק, ער וועט אונדז העלפן. הער זשע נאָכאַמאָל. ער וועט צוריקקומען. איך זאָג דיר אַז ער וועט צוריקקומען און דווקא צוליב דיר, ימח שמו, נאָר דיך זאָל עס ניט אַרן. דו געפין אויס פון אים אַלץ וואָס מיר דאַפן וויסן וועגן מאָזעסעס תפיסה, און מען וועט אים מוזן באַפרייען. דו ווייסט ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. למשל, דעם באַלעבאָס וועלן זיי אַרויסלאָזן, אָבער מאָזעסן וועלן זיי האַלטן. און מיר מוזן אים האָבן דאָ. מאָזעס מוז ווייטער גיין אויף זיין נסיעה קיין אויסלאַנד צו אונדזערע ברידער. נאָר אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד קענען אונדז העלפן.

אסתר

חלפתאָ, איך ווייס ניט וואָס דו ווילסט טאָן, נאָר איך האָב מורא, אַז דו פאַרנעמסט זיך אויף אַ שלעכטן וועג.

חלפתאָ

(בעט זיך ביי איר) זאָג עס ניט, אסתרקע, זעסט דען ניט וואָס איך וויל. איך וועל באַפרייען מאָזעסן. איז דאָס אַ שלעכטע זאַך ? און מיר מוזן דאָך אים האָבן. כלל ישראל דאַרף אים האָבן. איך ווייס דו גלייבסט מיר ניט, ווייל ווער בין איך דען ? חלפתאָ דער שוטה, אָבער מען מוז אים האָבן. בין איך אַ נאַר, אָבער באַפרייען מוז מען אים. (פּויזע)

אסתר

איך פֿאַרשטײ, חלפּתא, איך פֿאַרלאָז זיך אויף דיר.

חלפּתא

ניט אויף מיר, חלילה, אויף גאָט, אויף גאָט. איך בין גאָרניט, טאַקע לחלוטין גאָרניט, גאָט איז — איצט גײ שלאָפֿן. איך װעל אויך גײן אין מײן חדר.

אסתר

איך װעל טאָן װאָס דו װעסט מיר הײסן. אַ גוטע נאַכט.

חלפּתא

חלילה, חלילה, אַז דאָס װיל איך גאָרניט. איך װיל נאָר — נו, מילא. אַ גוטע נאַכט. און דרײ זיך ניט לאַנג. (ער גײט אַװעק).

אסתר

אַ גוטע נאַכט, חלפּתא. (מען הערט אַ פֿאַרזיכטיקן קלאַפּן אין דער טיר. אסתר איז דערשראָקן און אין פֿאַרלעגנהײט. חלפּתא קומט צוריק).

חלפּתא

שרעק זיך ניט, אסתרקע, דאָס איז ער, דער יאָלד, איך װעל דאָ זײן ניט װײט, און דו עפֿן אים אויף.

אסתר

אַזױ שפּעט בײנאַכט?

חלפּתא

מאַכט ניט, מאַכט ניט (ער גײט צוריק).

אסתר

(בײ דער טיר) װער איז עס?

באלדאך

(פֿונדרױסן) איך בין עס, איך קום װי אַ פֿרײנט.

אסתר

עס איז שפּעט איצט און איך בין אײנע אַלײן אין הויז.

באלדאך

עס איז זײער װיכטיק, דאָס בין איך, באַלדאַך.

אסתר

איך װעל עפֿענען, אָבער נאָר פֿאַר אײן מינוט. איר װעט דערנאָך מוזן באַלד אַװעקגײן. (זי מאַכט אויף, בלאַדאך קומט אַרײן, פֿאַלט אויף די קני).

באלדאך

אָ, קרוין פון אַלע זונען, ווי דאַנק איך אייך!

אסתר

שטייט אויף, עס פּאַסט ניט; איך בין נאָר אַ פּראָסט יידיש מיידל.

באלדאך

דאָ, ביי אייערע פיס, מוז איך זיך מודה זיין, אַז מיין האַרץ איז טיף פאַרוואונדעט פון אַ פייערדיקער ליבע, פאַר אייך, איר גרויסאַרטיקע בלום פון מזרח! איך ווער פאַרברענט פון דעם פייערדיקסטן פייער פון ליבע.

אסתר

דענקט איר ניט, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר פאַר אייך מען זאָל אייך זען ביי אַ יידן אין הויז. איר, וואָס איר זייט איינגעטונקען אין גאַלע אַדל?

באלדאך

מיין לעבן איז סיווי גאַרניט ווערט אָן אייך. אויב איר ווילט מיך ניט, וועל איך זיך וואַרפן אונטער די פערד פון אייער קאַרעטע.

אסתר

ווי קומט צו מיר אַ קאַרעטע. אָבער אויב איך בין אייך טאָקע אַזוי טייער, אפשר וואָלט איר געהאָלפן מיין פעטער און נאָך אַ יונגן מאַן, וואָס געפינט זיך אין ברוינעם הויז.

באלדאך

(שפרינגט אויף) אַ יונגן מאַן זאָגט איר? ווער איז ער?

אסתר

אָ, ער איז אַ וויטער באַקאַנטער, אָבער איך וואָלט אים וועלן העלפן. געפינט אויס פאַר מיר וואו ער געפינט זיך.

באלדאך

ווי קענט איר זיין אַזוי גרויזאַם און ריידן צו מיר וועגן אַזעלכע קליי־ניקייטן אין דער צייט ווען איך ווער ממש פאַרברענט פון ליבע צו אייך.

אסתר

איר וואָלט דאָך ניט וועלן אַז איך זאָל זיך באַלד וואַרפן צו אייערע פיס ווי איינע פון יענע פרויען וואָס זיינען גרייט פאַר אַלע מענער. גיט מיר צייט נאָכצודענקען.

באלדאך

אַ, ווי קענט איר ריידן פון צייט! נאָר איר זאָגט צייט, זאָל שוין זיין צייט, צייט, ביז ווען?

אסתר

כאָטש ביז מאָרגן.

באלדאך

אַ, דו ליכטיקער שטערן פון מיין לעבן. ווי גליקלעך בין איך! (וויל כאַפּן איר האַנט קושן, אָבער אסתר לאָזט ניט)

אסתר

אַלץ מאָרגן, ווען איר וועט מיר לאָזן וויסן אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך. איצט גייט וואָס גיכער, מען קען אייך נאָך זען.

טייטש

אָבער וואו וועל איך דיך טרעפן, געליבטע?

אסתר

וואו? — דאָ אונטן, אין שטאָטישן גאָרטן.

באלדאך

ווי וועל איך דאָס קענען אויסהאַלטן ביז מאָרגן! אָבער דערווייל, אַדיע! מיין געליבטע, אַדיע! (וואַרפט איר אַ קוש און גייט אַרויס).

אסתר

(קען שוין ניט אַריבערטראָגן, ברעכט צוזאַמען און כליפּעט. חלפתא קומט אַריין, ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר קאָפּ).

חלפתא

איצט גיי שלאָפן און דיין האַרץ מעג זיין אַ ביסל גרינגער. דער אייבערשטער וועט העלפן. (אסתר באַרואיקט זיך) **מען דאַרף נאָכאַמאָל אַ קוק געבן אויפן טיר און פענצטער** (קוקט אַרום) **אַ גוטע נאַכט, אסתרקע.**

אסתר

(ווישט זיך די אויגן) **עס איז שוין באַלד מאָרגן.**

חלפתא

נו, זאָל שוין זיין אַ גוטער תמיד.

(זיי גייען אַוועק אין פאַרשיידענע זייטן אין די אינעווייניקסטע צימערן. עס ווערט פינצטער אויף דער בינע. איצטער גייט שוין טאַקע דער ריכטיקער שול־קלאַפּער. ער דערלאַנגט צוויי קלעפּ אין די לאָדן.. עס הערט זיך זיין קול. . . . שטייט אויף צו טאָן עבודת הבורא!)

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

(עס איז ביינאַכט. אַ גראָבער טייטש זיצט פאַר דער תפיסה, אין וועלכער עס זיצט **ר׳ מרדכי** וויינשטיין הינטער גראַטעס. די לבנה שיינט אויף **ר׳ מרדכין** בשעת ער זיצט און זינגט אַ תפילה. זיין געזאַנג איז נאָר אַ ביסל מער מעלאָדיש ווי דער געזאַנג פון אַ תחינה).

ר׳ מרדכי

רבונו של עולם! איך וויל צו דיר אַ תפילה זאָגן,
איך קום צו דיר אויף אונדזער מזל זיך באַקלאָגן,
ווי קענסטו דאָרט אין הימל צוזען
וואָס מיט דיין פאָלק ישראל איז געשען?
ווי קענסטו צוזען ווי אַ המן שאָלט און וואָלט
און פאַרצוקט דיין פאָלק ישראל ווי אַ שאָף אין וואָלד?
דיין הייליקע תורה ווערט פון ערלים באַפלעקט,
און אונדזער לייב איז, ווי איובס מיט מכות באַדעקט.
אוי, וויי איז צו מיר! אוי, וויי איז צו מיר!
ווי לאַנג, גאָטעניו, איז דען דער שיעור?
ווען דו זעסט אַז אויף אונדז קומען אַזוינע סכנות
און דו האָסט אויף אונדז נאָך אַלץ קיין רחמנות.
גרויסער גאָט, זיי אונדז שוין מוחל אַצינד
און שטראָף שוין ניט מער פאַר אונדזערע גרויסע זינד.
עפן אויף די שערי רחמים פאַר אונדזער געבעט און געוויין
אַז זיי זאָלן שוין אַמאָל צום כסא הכבוד דערגיין.
אין זכות פון אונדזערע אבות, די צדיקים,
פאַרטיליק שוין די המנס, די שרעקלעכע מזיקים.
און זאָל שוין קומען אַ ישועה אויף דיין פאָלק ישראל,
זיי זאָלן ווערן דיינע געליבטע קינדער, ווי געווען איז אַמאָל,
אַ מפלה זאָל קומען אויף אַלע אונדזערע פיינט,

וואָס פּלאָגן דיינע קינדער אָן רחמנות דאָ היינט.
כן יהי רצון, אָמן ואָמן.

(פון דער ווייטנס הערט זיך אַ קול שרייען: „וואַך אַרויס!" דער טייטש וואָס האַלט די וואַך, כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אַ דערשראָקענער, עס קומט אָן **אָפיצער** צו אונטערזוכן די וואַך).

אָפיציר

ווי איז די וואַך?

טייטש

(סאַלוטירט) **די וואַך איז אין דער בעסטער אָרדענונג.** (מען סאַלוטירט זיך און דער **אָפיצער** גייט אַוועק. דער **טייטש** זעצט זיך ווידער אַוועק און ווערט אַנטשלאָפן. פון ווייטנס דערהערט זיך ווידער דאָס קול „וואַך אַרויס!")

(עס בייט זיך די סצענע: די שטוב פון **הויפּט עלטסטן**).

(דער **הויפּט־עלטסטער** זיצט ביי אַ גרויסן שרייב־טיש אין אַ האַלבן צירקל אַרום שטייען אויסגעשטעלט דער **הויפּט־טראַכטער,** דער **הויפּט־קנאַקער דער רעדנער,** דער **הויפּט־יעדנעראַל!** צוויי **יעדנעראַל אַדיו־טאַנטן.** צוויי **הויכע אָפיצערן פון ים,** דער **מיניסטער,** צוויי **ברוינע יעדנעראַלן, שוראַך פון באַלדאַך).**

יעדנעראַל

די אַרמיי וועט זיין גרייט.

קנאַקער

די פּאָגראָמען וואַקסן און וואַקסן.

יעדנעראַל

אָבער, אדוני עלטסטער —

עלטסטער

איצט וויל איך גאָרניט הערן.

מיניסטער

עס איז וויכטיק פאַר די פינאַנצן אַז די פּאָגראָמען זאָלן אויפהערן.

עלטסטער

וואָס זאָגן מיינע ברוינע יעדנעראַלן?

ברוינער יעדנעראַל

ווי אַלע מאָל, זיינען מיר איצטערט אויך גרייט.

ריידער

אדוני עלטסטער, (לייגט אים אַ האַנט אויף דער פּלייצע) **איך האָב שוין מיט זיי אָפּגערעדט, אַז מען זאָל צושטעלן אַן אַרמיי פאַר דער ריזיקסטער דעמאָנסטראַציע וואָס די וועלט האָט ווען געזען.**

קנאַקער

(נעמט אַראָפּ דעם אַנדערנס האַנט). **מען האָט שוין געהערט.**

ריידער

און איך וועל האַלטן די גרעסטע רעדע.

קנאַקער

מוחל, מוחל —

ריידער

איך פּראָטעסטיר!

עלטסטער

אַן אַנדערש מאָל.

מיניסטער

מיט גרויס ווייטיק אין האַרצן מוז איך נעמען דאָס וואָרט, איך מוז זיך מודה זיין, אַז דער קאַסע־קאַסטן ווערט פון טאָג צו טאָג ליידיקער. צוליב די פּאָגראָמען איז אָפּגעשטאָרבן אונדזער האַנדל.

קנאַקער

איך פּראָטעסטיר! אונדזער פאָלק מוז האָבן פּאָגראָמען, זאָלן זיי צאָלן דערפאַר.

מיניסטער

דאָס פאָלק האָט ניט.

עלטסטער

(אין כעס) **איר זייט קיין מיניסטער ניט!** (פּויזע) **די פּאָגראָמען מוזן אָנגיין.**

יעדנעראַל

איך מוז מיך שוין אויך אָנרופן. איך זאָג, אַז די יידן מיט זייער קלוג־שאַפט קענען ווערן די גרעסטע הילף פאַר אַ מלחמה אָדער דער גרעס־טער שאָדן.

גרויסער טראַכטער

(פון דער טיפעניש פון זיין חכמה) עס איז פאַלש, אַז פּראָגראָמען שאַטן אונדזער פאָלק. אונדזער פאָלק מוז האָבן בלוט. אָבער נאָך פאַלשער

איז, ווען מען זאָגט אַז די יידן זיינען קליגער פון אונדז. איך פּראָ־
טעסטיר!

עלטסטער

לעבט נאָך דער יונגער מאָזעס?

ריידער

צוויי טעג ליגט ביי מיר די דערקלערונג, אַז ער האָט באַגאַנגען זעלבסט־
מאָרד און ער לעבט נאָך אַלץ.

עלטסטער

איך וויל זען דעם יידן.

קנאַקער

(פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט אַ דלאָניע און שטעלט דעם ריידער
אַרויס אַ צונג). וואָס וועסטו איצט זאָגן?

עלטסטער

(צו שוראַך, גאָר פריינטלעך) און איר, מיין ליבער יונגערמאַן, וואָס
האָט איר צו זאָגן?

באַלדראַך

איך — — וויס — — איך פאַרטרעט די יוגנט.

עלטסטער

פיין — פיין —

קנאַקער

דער לאַשיק איז פאַרליבט.

יעדנעראַל

עס איז אַ מאַיאָווע לאַשיק, אָבער לאַנג וועט ער שוין ניט לאַשעווען.

עלטסטער

איר מעגט אַלע גיין. איך וויל זען דעם יידן מאָזעס. (אַלע גייען אַרויס
הינטערוויילעכס, עס בלייבט דער עלטסטער אַליין. ער פּרובירט אויס
פאַרשיידענע פּאָזעס פאַר אַ שפּיגל, אָבער אין אַלע זעט ער אויס קאָמיש).

טייטש

(שרייט אַריין) דער ייד מאָזעס! (מאָזעס קומט אַריין, דער עלטסטער
מאַכט זיך ניט זעענדיק און לאָזט מאָזעסן וואַרטן)

מאָזעס

צו וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער?

עלטסטער

ייד, פאַרוואָס וואַרטסטו ניט ביז איך רייד צו דיר? (פּויזע) איך וויל

הערן חכמות פליסן פון דיין מויל, ביסט אַ חכם דאָך, הער איך, ביי די יידן.

מאַזעס

וואָס דאַרפסטו חכמה, האָסט דאָך דערוויל נאָך מאַכט.

עלטסטער

צייל די ווערטער, ייד! וואָס הייסט ביי דיר דערוויל?

מאַזעס

איך צייל, איינציקווייס און האָף אַז יעדער וואָרט וועט טרעפן אין ציל.

עלטסטער

וואָס איז דאָס, עזות, מוט, אָדער אפשר נאַרישקייט?
מאַכט האָלט מען, ייד, און האַלטן טוט מען זי מיט מאַכט —
מיר וועלן האַלטן זי אויף אייביק.

מאַזעס

אייביק איז נאָר געדאַנק — נאָר איין געדאַנק.
דער געדאַנק וואָס אייביק איז גייט פאַראויס און ברעכט און בויט.

עלטסטער

מיר ברעכן און מיר וועלן בויען אויף אונדזער אייגענעם שטייגער.

מאַזעס

אָבער פעלקער לעבן ניט אָן איין און איינציק מאָל,
זיי ליגן אין דעם שטראָם פון צייט
און האַלטן אַלץ אָן אין זייער מהות.

עלטסטער

און וואָס דענקסטו זאָמלט איצט די צייט פאַר אונדז
דו, חכם פון דער געטאָ?

מאַזעס

עס הענגט אָפּ פון דער השגה. איז עס אפשר קלאָרקייט אינעם אופן פון וועלט־באַנעם,

אָדער, אפשר ליבע פון דעם שכן צו זיין מין?
קען זיין, אויב יאָ, וואַקסט אָן אוצר וואו פון ליבע,
און ווען די נויט וועט פרעסן אייך אַמאָל און הונגערן די נשמה
פון חרטה און איינזאַמקייט,
וועלן וואַקסן דאָרט נייע שפּראָצן,
זאַפטיק, פריש און גרין מיט האָפענונג,
יאָוועז וועט אַ האַנט זיך פון דעם ערגעץ —

דאָ אַ האַנט, דאָרט אַ האַרץ וואָס ברענגען טרייסט
ווען בליען אויף ישועה אַפילו דאָרט
וואו מ'האָט קיינמאָל ניט פאַרזייט.
ווייל עס פירט די צייט איר חשבון ניט
מיט קמצנות ווי אַ סוחר:

עלטסטער

דאָס איז דעם שוואַכנס זיין פון רעכט —
דער שטאַרקער גייט און נעמט לויט וויל, ניט לויט נויט,
און וואו ער טרעט ווערט די ערד פאַרברענט.

מאָזעס

איר, די שטאַרקע!
ווייסטו, וואָס איר זאַמלט אין דעם שטראָם פון צייט?
פינצטערניש און נאַכט, פאַרגליווערט בלוט און פאַרשטאַרטע טרערן,
עלנד, שנאה, נויט —
ביינער וואָס לאָזן די ערד ניט רוען.
יעדן טאָג אַ ביסל שרעק, אַ טראָפּן האַס.
אַ האַרץ פאַרקלעמט אין אַנגסט פון טויט,
אַ לאַך, אַ שטומער אויף יענעמס לייד,
אַ ריס נשמה, אַ טרעט אַ האַרץ,
ימען שנאה, שטראָמען האַס און פרעמדע ליידן
הייבט די ערד אָן צו אייטערן, פוילן,
ביז געשטאַנק פילט אָן די וועלט
און עס שטייגט דער ריח צום הימל
און פאַלט צוריק אין שווערע טראָפּנס
סמאָלע, רעגן, פעך און שוועבל
און שטורעמט און ברענט, צעשטערט און ברעכט,
פגרים הויפנס, רעכטס און לינקס —

עלטסטער

הער אויף צו שילטן, ייד פאַרדאַמטער!
ס'לעבן דיינס איז אין געפאַר — (פויזע, רואיקער)
ליבע — האָס — אייערע ווערטער,
איר, וואָס וואַלגערט זיך דורך צייטן,
מיט „ברודער" אויף די ליפּן, וואָס האָבן זיי אייך געבראַכט?

מאַזעס

(מיט גרויס ווירדע און רואיקייט)

ליבע איז ווי טוי, וואָס פאַלט אין שטילקייט פון דער נאַכט
און באַפּרוכפּערט און באַזאַפּט און באַרייכערט און דערפרישט
און מאַכט גרינע פרישע מזל־ברכה וואַקסן —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די שפּורן פון אונדזערע טריט איז ברכה אויפגעגאַנגען,
קוק אַרויס דורך דיינע פענצטער אויף דיין שטאָט
און פּרואוו, טייל אויס —
טייל אויס דאָרט וואו דאָס לעבן גליט,
וואו אין דעם גייענדיקן טאָג קליינע פריידן טליען אויף
און זאַמלען זיך און ווערן שטראָם,
אַ שטראָם וואָס טראָגט באַשיידענע פרייד פון מענטש צו מענטש,
פון פאָלק צו פאָלק, פון דור צו דור,
פון וועלט צו וועלט —
טייל אויס דערפון די שפּור פון אונדזער מי
און זע וואָס בלייבן וועט דערנאָך
דאָרטן אויך דו נעם און טייל,
דאָרט, וואו דער מאַנגל הערשט.
טייל אויס דעם גלויבן אין אייביקן גערעכט,
טייל אויס די האָפענונג אויף אַ לעבן דאָ,
און אויב ניט דאָ, איז כאָטש דאָרט —
טייל אויס דעם שיין וואָס גליט נאָך אין אַן אויג
ווען די לעצטע האָפענונג איז אַוועק —
און זע וואָס וועט בלייבן דיר דערנאָך —
שפּרייז די גרענעצן און ימען, דאָרטן וואו
ס'עכאָט נאָך דער קלאַנג פון דייטשיש וואָרט,
טייל אויס דערפון אונדזער מילדן בליק,
אונדזער פּיינעם קרעכץ
איבער נישטיקייט פון וועלן, איבער זיכערקייט פון טויט.
נאָכדעם זע וואָס וועט בלייבן נאָך דערפון.

עלטסטער

אָבער ווער וויל דאָס אייער ברכה, אייער ליכט?
אייער פאַלשע גוטסקייט האָט זיך איינגעפּרעסן

אין אונדזער לייב ווי אַ פּוילער וואָרעם.
מיר האָסן איך —
די צעשטערערס פון דער גרויסקייט אין פאָלק.
איר צעדריבלט נאָר אַ פאָלק און מאַכט פון אים
אַ געמייזאַכטס פון יחידים.
איר האָט צעקרענקט די נשמה פון אונדזער פאָלק.

מאָזעס

(אין כעס, קען זיך קוים איינהאַלטן)

פאָלק, פאָלק, — דו רעדסט פון פאָלק
ווי ס׳וואָלט ס׳פאָלק געווען, אַ רייף דערוואַקסן פאָלק.
וואָס ווייסט דיין פאָלק פון רייפע מענטשלעכקייטן,
פשוט פּראָסטע אמתן, וואָס קומען, גייען
אין אַ לאָגישן כסדר ?
וואָס ווייסט דיין פאָלק פון פּראָסטער פרייד אָפילו ?
וואָס ווייסט דיין פאָלק פון ליידן מיט מיט אַנדערע ?
עס ווייסט דיין פאָלק אָפילו ניט
ווי ס׳שטייט אַ נאַקעטער פוס אויף רויער ערד,
עס לעבט דיין פאָלק אין משונה אויסגעטראַכטע וועלטן,
אין אַ וויסטער לאָגיקע,
וואו דער פונדאַמענט הענגט צוגעקניפּט דאָך,
עס פעלט דער פשוטער כוח דיין פאָלק,
וואָס פירט אַ מענטש אויף גלייכן וועג.
ס׳איז בלינד דיין פאָלק מיט בילמעס אויף די אויגן,
און קען נאָר זען אַ פעטיש, אַ קאָלירטע שמאַטע,
און, בלינדערהייט, איז מקריב זיך און מקריב אַלץ
מיט אַ נאַרישן און אומזיסטן טויט.

עלטסטער

(מיט כעס)

דו רעדסט צופיל, דו לויז ציניקער ייד !
אויב טויט, קען ער דיך נאָך טרעפן.

מאָזעס

איך ווייס, און ווייס
אַז טרעפן וועט ער מיך פון אייערע הענט,
פון אייערע בלוט־באַפלעקטע הענט,

ווייל וואָס ווייסט דיין פאָלק
פון לעבעדיקע אמתן וואָס בייגן זיך מיט אַ שמייכל
צו די שוואַכקייטן פון דעם מין?
זיי ווייסן נאָר פון אייזערנע אמתן וואָס הערשן,
פון אמתן וואָס דינען ווייסטו ניט און ניט דיין פאָלק.

עלטסטער

(פאַרטרוימט)

ריין איז די נשמה פון מיין פאָלק, פול מיט אומשולד,
אַן אמת מוז אַן אמת זיין.

מאָזעס

אומשולד רופסטו דאָס?
ווי רעדסטו פון אומשולד ביי אַ פאָלק,
וואָס האָט שוין טויזנט יאָרן אָפּגעלעבט און מער
אין האַס און בלוט, פאַר זיך און אַנדערע, און קען נאָך אַלץ
ניט וויסן וואו דער גרענעץ איז ביי ווערטן,
און קען נאָך אַלץ ניט וויסן וואו און ווען
ס׳געזעגנט זיך דאָס מענטשלעכע מיט דעם מענטשן,
עס איז טפשות נאָר, ער לאָזט אַ חלל נאָר
אין באַוואוסטזיין און אַ פינצטערניש,
וואו עס שווינבלען נאָר ברוטאַליטעטן,
ווי אומגעציפער אין אַ ליידיק הויז,
האָסט אַ פאָלק פון שוטים, פון ברוטאַלע שוטים.

עלטסטער

(שפּרינגט אויף און שרייט)

טויט דיר ייד! רייס אַרויס ביי אים דעם צונג!

(עס לויפן אַריין צוויי טייטשן און דער קנאַקער מיט אַ געצויגענער שווערד אין האַנט. די צוויי טייטשן כאַפּן אָן מאָזעסן).

קנאַקער

זאָל איך אים טויטן דאָ אויפן אָרט, גרויסער פירער? (פּויזע)

טייטש

זאָל איך אים אַוועקפירן?

עלטסטער

לאָזט אים דאָ — דערווייל, און לאָזט אונדז דאָ אַליין.

(זיי גייען אַרויס)

מאַזעס

איך האָב צו דאַנקען דיר פאַר מיין לעבן, (פאַרנייגט זיך)
דאָס הייסט — דערוויל.

עלטסטער

(גייט אַרום אויף דער בינע און באַרואיקט זיך)
און דו וואָגסט נאָך רופן זיך אַן אונדזערער,
זאָגסט, דו ביסט אַ טייטש.

מאַזעס

ווייל אין יידישקייט ליגט אַלץ באַגראָבן שוין
ערגעץ אין זכרון.
איך בין אַלץ און ממילא שוין אַ טייטש.
ווייל וואָס ניט זיין הייסט אַלץ לסוף נאָר זיין אַ ייד.
דערפאַר ווען דייטשישע זונען שיינען, בליט פרייד אין מיר
מיט אַלע זיבן חנען פון לויטערער יידישקייט.
ווייל אין דער צוקונפט וואו וואַרטן מיר אויף אייך.

עלטסטער

די דאָפל־פעלקישקייט איז אַ שווינדל
אַ שלויקייט, אויסגעטראַכט פון יידן.

מאַזעס

איר זייט פעלקיש מאַנאַגאַם,
דערפאַר פאַרגעסט איר גרינג גאָר שטאַם און פאָלק
אין משך פון אַ דור, ווען דער צופאַל
פאַרוואַלגערט אייך וואו אין דער פרעמד,
ווי קען מיין שטאַם און פאָלק פאַרגעסן,
עס איז דאָך בלוט פון בלוט, פון ביין, פון פלייש?
און ווידער בין איך פאַרט ניט מער ווי מענטש
דאָ געבוירן, דאָ געעפנט מיינע אויגן.
דייטשישע ליכט האָט מיך געלערנט זען,
דייטשישע לופט האָט מיינע לונגען אָנגעפילט,
דייטשישער קלאַנג האָט צו הערן מיך געלערנט,
אַזוי פאַר דורות, דורות, דורות —
ווי קען איך מקריב זיין אַ פאָלק צוליב אַ פאָלק?

עלטסטער

עס איז דיין גלויבן, אַלזאָ, אַז אויך מיר
וועלן אין דער צוקונפט אַנדערש ווערן.

מאָזעס

איר וועט דאָך אייביק ניט בלייבן איינגעשפּאַרט
אין דער תפיסה פון יחידות,
איר וועט דאָך ווען ניט איז דאָס אייז צעברעכן,
וועט איר דעמאָלט אויך צעשטערן אַנדערע תפיסות:
די ווענט וואָס צאַמען איין הנאה,
הנאה פון דעם שוואַכן יחיד,
שוואַך, און פריי און שטאַרק נאָר אין דעם כלל;
הנאה פון שטיין מחוץ זיך אַליין ,
ווייל נאָר דעמאָלט קען מען פילן
דעם תמצית פון דער וועלט און נישטיקייט פון יחיד;
הנאה פון דער וויכטיקייט פון יחיד אַחוץ פון כלל
און נישטיקייט פון דרויסנדיקער פאָרם,
און נישטיקייט פון קליין און גרויס,
ווייל תמצית איז ניט קליין און איז ניט גרויס
און פילט אויס דעם יחיד און דעם כלל
און לאָזט קיין חלל ניט אין „גרויס” און ניט אין „קליין”
און איבער אַלץ שוועבט אַ שטילע פרייד פון זיין־מיט־לעבן,
אַזוי שטעלן מיר זיך פאָר דעם אחרית הימים.

עלטסטער

און וואָס וועט פון מיר ווערן אין יענע צייטן?

מאָזעס

דו און דיינס גלייכן וועלן פאַרגעסן ווערן.

עלטסטער

איך וועל פאַרגעסן ווערן, איך?
האָט ווערמען נאָך אַזוי אין אַלע צייטן מיין פאָלק דערפילט?
שטייען שוין ניט היינט מיינע מעכטיקע מאָנומענטן?
מאָנומענטן פון טיפן וויסנזיין פון פאָלק אַלס פאָלק?

מאָזעס

נאָר מענטשן וואָס בויען מיט עניוות בלייבן לעבן.
ביסט ניט מער ווי אַ פּרינציפּ.

עלטסטער

פון פֿאַרצווייפֿלונג האָב איך זיי צו שטאָלץ אַרויסגעשלעפּט.
וואָס טוט דען ניט אַ פֿאָלק פֿאַר זיינע העלדן!

מאָזעס

דיין פֿאָלק? — עס פֿאַרקויפֿט זיי.
געדענק נאָר אַנדרעאס האָפֿער,
זיי וועלן פֿאַרקויפֿן דיך פֿאַר געמיטלעכקייט און ביר
און פֿרישער לעבער־וואורשט,
און אפֿשר אויך פֿאַר פֿרידן און באַפֿרייאונג,
און פֿאַר פֿלייס און ערלעכקייט און — שטילע שכנים;
און פֿאַר גוטע ביכער, פֿיין געבונדן:
און פֿאַר קלוגע זאַכן, וואָס מאַכן אַנדערע זאַכן;
פֿאַר אַ טיר צו דער וועלט און חברשאַפֿט מיט מענטשן,
און פֿאַר אַ שיינער סענטימענטאַליטעט —

עלטסטער

און וואָס וועט ווערן פֿון די מאָנומענטן וואָס מען וועט מיר שטעלן?

מאָזעס

זיי וועלן אומגעוואָרפֿן ווערן, די ערד פֿאַראַקערט,
און פֿרישע גראָזן וועלן וואַקסן אויף דעם פּלאַץ.

עלטסטער

און די געשיכטע?

מאָזעס

אַ האַלבן עמוד וועסטו קריגן,
אַ האַלבן עמוד און גאַנצע ביכער,
ביבליאָטעקן, וועגן פּסיכיק פֿון קאָשמאַר.

עלטסטער

דערווייל האָב איך צייט און מאַכט
צו בויען און צעשטערן און בויען אויפֿדאָסניי,
ביז אַלץ וועט טראָגן מיין זיגל אויפֿן פּנים.

מאָזעס

צייט האָט צייט — (פּויזע)

עלטסטער

און וואָס איז מכוח דער פֿרייהייט פֿונעם ווילן,
וואָס איך האָב מיין פֿאָלק געגעבן?

מאַזעס

ביסט גערעכט, האָסט פון ווילן זיי באַפרייט,
ווילן איז אחריות, וואָס דיין פאָלק האָט זי פיינט,
אָבער וועלן פון דיין ווילן איז נאָך מערער וועלן,
עס איז לאַנגווייליק און שווער כסדר נאָר צו זיין העלד.

עלטסטער

קען זיין, עס ליגט אַ טיפער אמת אין דיינע רייד,
און אפשר נאָר אַן אויסגעטראַכטער אינטעלעקטועלער ליגן,
סיי ווי, ביסטו אַ קלוגער מענטש, (פויזע)
וואָס וואָלסטו מיר ראָטן טאָן?

מאַזעס

קליגער ווערן און גרעסער ווערן,
קויפן חכמה זיך דורך פשטות,
דעם פשוטן געפאָלג פון אורזאַך, רעזולטאַט,
אַן געמיש פון פרעמדס און אייגנס:
אַז מען שלאָגט טוט עס וויי,
וואו צופרידנקייט דאָרט איז פרייד,
וואו ליידן דאָרט איז נייטיק הילף,
אָט די סאָרט פשטות איז די טיפסטע חכמה.

עלטסטער

(פאַרטראַכט)
פשטות, פשטות — אָט דאָס איז,
וואָס איך האָב אַלע מאָל געוואָלט, געזוכט (פויזע)
פשטות — מעגסט שוין גיין.
(גיט אַ קלאַפּ אין דער דלאָניע, עס קומען אַריין צוויי וועכטער)

וועכטער

וואָס איז דיין באַפעל, אדוני עלטסטער?

עלטסטער

פירט אַוועק דעם קלוגן יידן און קומט צוריק.
(די וועכטער פירן אַרויס מאַזעסן און קומען באַלד צוריק. זיי וואַרטן.
דער עלטסטער איז באַשעפטיקט מיט פאַפירן אויף זיין שרייבט־טיש.
זיי וואַרטן)

עלטסטער

(אַריינקוקנדיק אין פאַפיר) וואָס איר זאָלט טאָן מיט דעם יידן?

וועכטער

טאָקע דאָס וואָס מיר ווילן וויסן.

עלטסטער

שיסט אים.

וועכטער

גוט — (לאָזן זיך גיין)

עלטסטער

וואָרט — (טראַכט) ניט געשאָסן — הענגט אים בעסער. אָבער לייגט עס אָפּ אויף מאָרגן, און לאָזט אים באַלד וויסן, וואָס עס וועט זיין זיין סוף. זאָל ער צייט האָבן נאָכצוטראַכטן און באַשליסן אַז מאַכט איז פאַרט מעכטיקער פון טראַכטן — איר מעגט שוין גיין.

(זיי גייען אַרויס. דער עלטסטער ווערט אומגעדולדיק, ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער קלאַפּט אין האַנט, עס קומט אַריין אַ וועכ־טער). שיקט מיר דעם פיאַנאָשפּילער.

וועכטער

(פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס)

(די סצענע בייט זיך)

(עס איז אַ לבנה־נאַכט אין פּאַרק. אין אַ ווינקל רעכטס שטייט מרדכיס הויז. ביים אָפענעם פענצטער זיצט אסתר און זינגט).

1

ווי די טייכן פליסן,
מיינע טרערן זיך גיסן,
פון אָנהייב טאָג ביז קאַלע שפּעט אין דער נאַכט.
און ווען די נאַכט ווערט אַנטרינען
ביים שיין פון באַגינען
האָט דער שלאָף מיינע אויגן נאָך אַלץ ניט פאַרמאַכט.
אוי, ווי עלנד און פאַרלאָזן בין איך דאָס געבליבן,
מיין טייערע ליבע איז מיין איינציקער טרייסט,
ווי אַ מילשטיין האָט דער שונא מיין לעבן צעריבן,
ווי פינצטער ס'איז מיין דאָליע, נאָר גאָט אַליין ווייסט.
ווי די טייכן פליסן,
מיינע טרערן זיך גיסן,

פון אַנהייב טאָג ביז קאַלע שפּעט אין דער נאַכט.
און ווען די נאַכט ווערט אַנטרונען
ביים שיין פון באַגינען
האָט דער שלאָף מיינע אויגן נאָך אַלץ ניט פאַרמאַכט.

2

אוי, וואו זיצסטו אַ באַטריבטער,
מיין טייערער געליבטער,
פאַרשפּאַרט און פאַרריגלט ביים שונא אין די הענט,
וואָס וואָלט איך ניט געגעבן,
מיין טייער לעבן,
ווען מיט דיר אינאיינעם איך זיין וואָלט געקענט.
נאָר תפיסות און שלעסער זיי קענען ניט צעטיילן,
אַ ליבע וואָס איז שטאַרקער פון אייזן און פון שטיין,
ווי די שטערן אויפן הימל, וואָס מען קען ניט איבערציילן,
אַזוי אייביק איז מיין ליבע, זי וועט קיינמאָל ניט פאַרגיין.
ווי די טייכן פליסן,
אאַז״וו.

3

צו דיר גאָט טו איך בעטן,
זאָלסט צעברעכן די קייטן,
וואָס האָבן אונדז פאַרשקלאַפט און פאַרפינצטערט די וועלט;
עס איז שוין ניט צו דערטראָגן
די שרעקלעכע פּלאָגן,
ברענג אונדז שוין צוריק אין דיין אייגן געצעלט.
מיר זיינען פאַרוואָגלט איבער פעלדער און ימען,
הפקר פאַר די חיות, ווי אַ שעפעלע אין וואַלד,
דיין הילף, גאָטעניו, זאָל זיך חלילה ניט פאַרזאַמען,
שיק אונדז די ישועה גיך און באַלד.
ווי די טייכן פליסן,
אאַז״וו.
(זי פאַרמאַכט דאָס פענצטער און פאַרשווינדט)
(שוראַך פון באַלדאַך קומט פון לינקס זיך וואַקלענדיק אויף זיינע פיס.
ווי ער וואָלט געווען אַ ביסל שיכור).

באַלדאַך

אַ, דו זילבערנע, קאַלטע לבנה, פאַרוואָס ווייזטו מיר ניט וואו עס געפינט זיך דאָס הויז פון מיין געליבטער?

(ער פאַרדרייט זיך צווישן די קוסטעס. הינטער אים, מיט אַ גרויסן שפאַקטיוו און קוקנדיק אויף דער ערד, גייט נאָך דער הויפּט־שפּילער).

שפּילער

(הודזשעט) אינטריגאַציע! — מאַניפעסטאַציע! גררררר! דו פינצטערער שורקע! דו מילכוואַנצעדיקער שנעק! באַלד וועסטו זיין אין מיינע הענט!

באַלדאַך

אסתר! אסתר! (גייט אַוועק רעכטס).

שפּילער

איך האָב געהערט אַ ייִדישן נאָמען. ווער קען דאָס זיין? (זוכט מיט דעם שפּאַקטיוו אויף דער ערד) אַז עס איז פינצטער און פינצטער! אַ, דו לבנה, דו פריינדין פון אַלע פינצטערע מעכטע, וואו ביסטו היינט, ווען דיין דינער דאַרף דיין ליכט.

באַלדאַך

(פון ווייטן) אסתר! אַ, אסתר!

שפּילער

ווידער דער ייִדישער נאָמען, פונוואַנען קומט דאָס קול? פון דאָרט? ניין, פון דאָרט! — איך גלייב אַז פון דאָרט גאָר! (גייט אַוועק לינקס. חלפתא, יידן און יינגלעך קומען אַרויס).

חלפתא

וואָלט די לבנה אַרויסגעקומען. מען קען אונדז נאָך פּאַקן און מיינען, אַז מיר האָבן סודות. (עס הערט זיך באַלדאַכס קול ערגעץ ווייט: אסתר, אַ אסתר!)

שפּילער

(לויפט אַריין, כאַפּט אָן אַ יינגל אין דער פינצטער)

איך האָב דיך געפּאַקט.

יינגל

געוואַלט יידן, ראַטעוועט!

חלפתא

ווער ביסטו? שוטה איינער, זעסט ניט אַז דאָס איז אַ קליין יינגל.

שפילער

גאָט פֿאַרדאַמט! (וואַרפֿט דאָס יינגל אַוועק)

יינגל

זע נאַר ווי ער וואַרפֿט. וואָס וואַרפֿסטו עפּעס?

שפּילער

איך וועל אים פּאַקן! (קוקט דורכן שפּאַקטיוו) אינטריגאַציע, קאָנספּי־ראַציע! מאַניפֿעסטאַציע! (פֿאַרשווינדט)

קינדער

די לבנה איז דאָ! (עס ווערט ליכטיק און עס זעט זיך די נייע לבנה. די נעמען מורמלען קידוש לבנה).

חלפּתא

זאָגט נאָך קינדערלעך. (די קינדער זאָגן נאָך יעדעס וואָרט) כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה.
— גאָטעניו, גרויסער, געטרייער, פּונקט ווי איך, דיין קנעכט טו שפּרינגען פֿאַר דיר און קען דיך ניט אָנרירן, אַזוי זאָלן מיינע שונאים, די הענט אָפּגענומען ווערן, ווען זיי וועלן מיך וועלן אָנרירן צום בייזן — אַ וויסטע שרעק זאָל אויף זיי קומען און זיי זאָלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין ליים.

אַלע יידן

אָמן, — (דריי מאָל) דוד מלך חי וקים! (אַלע ווינטשן זיך שלום עליכם, דערנאָך זינגען זיי)
סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל, אָמן!
(די יידן גייען אַוועק, זייער געזאַנג פֿאַרלירט זיך. **באַלדאַך** קומט אַריין)

באַלדאַך

ווי דאַנק איך דיר, דו האַלדע לבנה, דו קעניגין פֿון דער נאַכט! דו אַליין ווייסט ווי טיף פֿאַרוואונדעט מיין האַרץ איז פֿון דער געטלעכער ליבע. אסתר, אַ אסתר!
„דאָ איזט מיינער ליבסטן האוז" צום טייוול! ווי איך האַלט דאָס אין איין ציטירן דעם פֿאַרדאַמטן יודע היינע. (זינגט)

דער דאפּלגענגער
פֿון היינע
שטיל איזט די נאַכט, עס רוען די גאַסן,
אין דיזעם האַוזע וואָהנטע מיין שאַץ
זי האָט שאָן לענגסט די שטאַט פֿערלאַסן,

דאָך שטייט נאָך דאָס האוז אויף דעמזעלבן פּלאַץ,
דאָרט שטייט אויך איך מענטש און שטאַרט אין די העהע
און רינגט די הענדע פּאַר שמערצענס געוואַלט
מיר גראוזעטס ווען איך אין זיך אַנטליץ זעהע
דער מאנד ציינט מיר מיינע אייגענע געשטאַלט.
דו דאָפּלגענגער, דו בלייכער געזעלע
וואָס עפסט דו נאָך מיין ליבעס לייד,
דאָס מיך געקוועלט אַן דיזער שטעלע
זאָ מאַנכע נאַכט אין אַלטער צייט.
(ער גייט אַוועק)
(אסתר און חלפתא קומען אַן)

חלפתא

גיי, אסתרקע, און זאָל דיר גאָט באַהיטן. איך וועל זיין דאָ ניט ווייט.

אסתר

עס איז מיר אַזוי שווער צו אים צו ריידן.

חלפתא

טאָקע שוין פאַלסטו אַראָפּ ביי דיר? גיי, גיי (ער באַהאַלט זיך)

אסתר

הער פון באַלדאַף! (זוכט אים)

באַלדאַף

(דערזעט זי) אַ, מיין געליבטע אסתר! (וויל זי אַרומנעמען)

אסתר

(לאָזט זיך ניט) איר ווייסט דאָך, יידישע פרויען זיינען שעמעוודיק.

באַלדאַף

זייט ניט אַזוי גרויזאַם מיך צו דערמאָנען אַז איך וועל אייך אַמאָל מוזן פאַרלאָזן.

אסתר

ווער זאָגט אַז איר וועט מוזן. איך ווייס, אַז איר קענט מיט מיר ניט חתונה האָבן, וועט איר זיך נאָר אַרויסווייזן צו זיין געטריי און איבער־געבן, וועט איר מיך קיינמאָל ניט דאַרפן פאַרלאָזן.

באַלדאַף

געטריי אויף אייביק און אייביק! איך שווער ביי מיין ערע!

אסתר

האָט איר מיר געבראַכט די נייס וועגן מיין אַנקל?

באַלדאַף

ער וועט אינגיכן באַפרייט ווערן.

אסתר

זיכער ?

באַלדאַף

דער ריינער אמת, איך שווער !

אסתר

און דער יונגערמאַן ?

באַלדאַף

ער איז דאָך אַ פרעמדער צו אייך ?

אסתר

אַ ווילד פרעמדער.

באַלדאַף

עס איז אַ סוד, אָבער אייך קען איך עס דערציילן, מאָרגן הענגט מען אים.

אסתר

(דערשראָקן, אָבער באַהערשט זיך) מאָרגן ? — אַזוי שנעל ?

באַלדאַף

ער האָט שווער באַליידיקט דעם עלטסטן אַליין. דו שרעקסט זיך פאַר אַ ביסל הענגען, פאַרגעסט ניט דו ביסט דאָך די געליבטע פון אַ דייטשישן העלד !

אסתר

איך מוז שוין גיין. עס איז שפּעט.

באַלדאַף

וועסטו זייןביים גרויסן פייער ? איך וועל דאָס אָנפירן די פּראָצעסיע.

אסתר

(צעמישט) אוודאי, אוודאי, איצט מוז איך גיין.

באַלדאַף

(האַלט זי ביי דער האַנט) איין קוש, מיין געליבטע.

אסתר

מאָרגן, מאָרגן.

באַלדאַף

ווי גרויזאַם דו ביסט. נו, זאָל שוין זיין מאָרגן. (ער גייט אַוועק. חלפתא קומט אַרויס פון באַהעלטעניש)

חלפתא

איך האָב געהערט. זיי װעלן עס ניט דערלעבן, זאָג איך דיר, ניט ביי חלפתא.

(דער הויפּט־שפּילער קומט מיטן שפּאַקטיוו)

שפּילער

האָט איר געזען דאָ אַ יונגן פראַנט מיט אַ שווערד אין דער האַנט?

חלפתא

ניט געזען. אָט דאָרט, דאַכט זיך מיר, איז ער. (ווייזט די פאַרקערטע זייט וואו באַלדאַך איז אַוועק. דער שפּילער גייט אַוועק)

אסתר

מאָרגן וועט מען הענגען —

חלפתא

ניט גערעדט. שאַ. (פאַרטראַכט) מען וועט ניט הענגען. (רעדט כמעט צו זיך אַליין) איך, חלפתא פויטאַש, דער גאַליציאַנער שוטה זאָג, אַז מען וועט ניט הענגען, — מען הענגט ניט, זאָג איך! הערסט, אסתר, מען הענגט ניט! איך וועל מאַכן אַ געוואַלט. מען טאָר ניט הענגען!

אסתר

וואָס קענען מיר טאָן?

חלפתא

עס איז נאָך פאַראַן גערעכטיקייט אויף דער וועלט, מאָזעס מוז אַרויס אין דער וועלט און מאַכן אַ געוואַלד, משוגעים האָבן זיך פאַרלייגט אויף אַ פאָלק און ווילן זיי עוקר מין השורש זיין. זאָל די וועלט זיי פאַרשרייען ביז זיי וועלן זיך אויפכאַפּן!

נאָר מאָזעס קען דאָס טאָן און ער וועט עס טאָן.

אסתר

ווי אַזוי, חלפתא, טייערער, ווי אַזוי? ווי אַזוי? (וויינט)

חלפתא

נו, שוין, שוין. עס טוט ווי, איך ווייס. לאָז שוין זיין גענוג. (טראַכט, קומט צו אַ באַשלוס) מיר מוזן גיין צום ברוינעם קעלער, צו דער תפיסה.

(עס ווייזט זיך אַ שיין פון שטאַרקע ליכט פון לינקס)

וואָס איז דאָרט?

(עס הערן זיך געשרייען „הוראַ“ און באַנדעס קלעזמער שפּילן)

אסתר

וויי איז מיר! איצט וועלן מיר ניט קענען דורכגיין. דאָס איז די פּראָ־צעסיע פון ביכער.

חלפתא

ווי הייסט?

אסתר

זיי פאַרברענען אַלע דייטשישע ביכער וואָס קומען פון יידן.

חלפתא

אַן עסק. איך האָב געמיינט מי יודע וואָס. איצט איז אונדזער צייט. זיי וועלן זיין פאַרנומען, און דער וואָס אייביק לעבט, וועט אונדז העלפן. (זיי גייען אַוועק. פון דערווייטנס הערט זיך דאָס געשריי פון דער מאַסע.

די סצענע בייט זיך. עס איז ווידער פאַר דער תפיסה אין געלן קעלער. ווידער זיצט דער טייטש און שלאָפט. הינטער די גראַטעס זיצט מאַזעס. דער עלטסטער קומט און געפינט דעם וועכטער שלאָפנדיק).

עלטסטער

(גיט דעם וועכטער אַ בריק מיטן פוס). אַזוי טוסטו דיין פליכט.

טייטש

(וועקט זיך אויף) דו קליינער שניפּיק, איך וועל דיר —

עלטסטער

זע ווער עס שטייט פאַר דיר.

טייטש

(פאַלט אויף די קני) גרויסער הערשער, אַלמעכטיקער באַפרייער. שענק מיר דאָס לעבן, איך האָב אַ ווייב און פינף קינדער.

עלטסטער

יינגלעך צי מיידלעך?

טייטש

וויי איז מיר, איך בין אַ זינדיקער מענטש, עס איז מיר אַ שאַנדע! איך בין ניט ווערט וואָס די ערד פון פאָטערלאַנד טראָגט מיך —

עלטסטער

רייד שוין.

טייטש

פינף מיידלעך.

עלטסטער

דו גייסט אויף אַ שלעכטן וועג. האָב דאָס אין זינען ביים זעקסטן.

טייטש

איך שווער ביי אַלץ וואָס איז מיר הייליק.

עלטסטער

איצט מאַך אויף די תפיסה און ברענג אַרויס דעם יידן.

טייטש

(מאַכט אויף און ברענגט אַרויס מאָזעסן)

עלטסטער

נו, וואָס זאָגסטו איצט וועגן דיינע נביאותן?

מאָזעס

(שוויַגט)

עלטסטער

אַ קלוגער ביסטו דאָך, וואו איז דיין ענטפער? (מאָזעס שוויַגט)
עזותדיקער ייד, ווייסט ווער עס רעדט צו דיר? ענטפער!

מאָזעס

וואָס ווילסטו הערן נאָך פון מיר?

עלטסטער

גלייבסט נאָך אַלץ אַז דו האָסט געזען דעם אמת אין דער צוקונפט!

מאָזעס

וואו איז דער אמת, וואָס קען לייקענען דעם טויט?
און וואו איז דער ליגן, וואָס קען נאָך גלאַנצן
כאָטש אין פאַרגענגלעכע סעקונדע,
ווען דאָס הארץ האָט קלאַפּן אויפגעהערט?
לעבן — טויט,
אמתן, אויסגעטראַכטע,
איינגעפלאַנצט אין דער מדבר פון אייביקייט.
דער איינציקער וואָס האַלט מיך:
מיין גאָט —
איך גרייט זיך צו צו קומען פאַר מיין גאָט
אַ ריינער און אַן אויפגעקלערטער.
אפשר נאָר דערפאַר, ווייל עס איז ניט מער ווי רעכט
אַרויסצוגיין ווי מען איז געקומען — ריין.

עלטסטער

אַזוי פילאָזאָפיש נעמסטו דאָס דיין טויט?

מאזעס

עס איז צו שפעט פאר מיר צו לערנען דיך,
לאז די פאר מינוטן וואס זיינען מיינע נאך,
ניט זיין פארשמוצט פון אומקויט,
פארנעם דיך פון דאנען.

עלטסטער

דו וואגסט עס, דו פארפלוכטער גדלן!

מאזעס

(דריקט זיך אויס און ענטפערט ניט. גייט צוריק אין תפיסה)

עלטסטער

מיט דיין נארישער גדלות האסטו דיין אייגן לעבן פארשפילט.

מאזעס

איך גלייב דיר איצט ניט און האב דיר קיינמאל ניט געגלייבט. דו קענסט שוין גיין.

עלטסטער

דער טויט וועט דיך שוין ברעכן (צום וועכטער). גיב גוט אכטונג אויף אים און שלאף ניט אויף דעם פאסטן. (ער גייט אוועק)

טייטש

הוף! — ווי א ווינט. אט איז ער און איז ניט (בשעתן פארשליסן וואס האט ער גערעדט אזוי לאנג מיט דיר? איך האב קיין איין ווארט ניט געהערט. איך בין געשלאפן שטייענדיק. (גאניצט) עס איז אן אומגליק — ווען־מען־איז־ווען־ווען — (ער שלאפט שוין)
(מאזעס פארשווינדט אינעווייניק אין דער תפיסה)
(חלפתא און אסתר קומען ארויס פון די קוסטעס.)

חלפתא

שא — שטיל — פארזיכטיק, — איך זאג דיר, אסתרקע, עס איז א דין: הבא —

אסתר

איך פארשטיי דיך ניט.

חלפתא

גאט ברוך הוא וועט מיר מוחל זיין. עס איז א מלחמה.

אסתר

וואס רעדסטו אזוינע ווילדע רייד? וואס ווילסטו טאן?

חלפתא

וואַרט, ווּעסטו זען. (הייבט אויף אַ גרויסן שטיין, דערלאַנגט דעם ווּעכטער איבערן קאָפּ)

ווּעכטער

(פֿאַלט אַרונטער פֿון בענקל און בלייבט ליגן)

אסתּר

(וויל שרייען, האַלט זיך דאָס מויל)

חלפתא

אַ לעבן פֿאַר אַ לעבן. זוך די שליסל. (ביידע זוכן די שליסל בײַם ווּעכטער. חלפתא מאַכט אויף די תּפֿיסה און מאַזעס קומט אַרויס).

מאַזעס

וואָס האָסטו געטאָן? עס איז אַן אומגליק. מען מוז לויפֿן. לויפֿט ביידע, וואָס גיכער.

אסתּר

און דו?

מאַזעס

איך גיי ניט.

חלפתא

גיכער, מען דאַרף זיך צואײַלן. (ער טוט אויס זײַנע אויבערשטע קליידער).

אסתּר

חלפתא, וואָס טוסטו?

חלפתא

טוט אויס אײַערע קליידער, ר׳ מאַזעס — טוט אויס.

מאַזעס

צו וואָס איז דאָס?

אסתּר

(וויינט און ציטערט)

חלפתא

טוט אויס, ווי מען הייסט אײַך.

אסתּר

פֿאָלג אים, טײַערער. איך ווייס ניט וואָס ער וויל, אָבער פֿאָלג אים.

מאַזעס

איך פֿאַרשטיי אײַך ביידן ניט. (טוט אויס זײַנע קליידער).

חלפתא

איצט טוט אָן מיינע און לויפט. (ער טוט אָן מאַזעסעס קליידער) לויפט וואָס גיכער אַריבער דעם גרענעץ און גיט אַכטונג.

מאַזעס

עס איז אַ שענדלעכער קרבן, איך נעם ניט אָן אַזוינע קרבנות.

חלפתא

(אין כעס) פאַר אייך אַ קרבן? האָסטו געהערט אַ מעשה. עס איז פאַר דעם פאָלק. (בעט זיך) אסתרקע, טייערע, האָב רחמנות, נעם אים צו, און אַנטלויפט.

אסתר

(וויינט) חלפתא, טייערער, קיינער איז ניט ווערט —

חלפתא

זע, ווי זי שטעלט זיך אַנטקעגן, האָט זיך אסתר המלכה אויך אַנטקעגן געשטעלט?

מאַזעס

גאָט, גיב מיר כוח!

חלפתא

(שטרענג) עס איז מין השמים, זאָג איך, גאָט ברוך הוא וויל אַזוי. איך וועל שוין מיט די מחבלים פאַרטיק ווערן. גייט וואָס גיכער און זייט מצליח.

אסתר

קום, קום, אויב ניט וועט מען אונדז אַלע כאַפּן. (זיי גייען)

חלפתא

ווער ווייסט צי האָב איך ניט באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה, צו נעמען אויף זיך אַזויפיל. (גייט אַריין אין דער תפיסה און דרייט אויס זיין פּנים אַז מען זאָל אים ניט קענען זען)

טייטש

(וועקט זיך, גענעצט) האה — וואָס איז דאָ געשען? (שפּרינגט אויף) מיין געפאַנגענער! אַ, דאַנקען גאָט. וואָס ביסט דאָ. אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט, — ווי דער קאָפּ טוט מיר וויי. וואָס איז דאָ גע־שען?

חלפתא

ביסט אַראָפּגעפאַלן פון בענקל. (עס הערט זיך פונוויטן: איינס־צוויי,

איינס־צווײ, איינס-צוויי. (עס קומען אַריין אַ **קאָמאַנדיר** מיט פיר ברוינע סאָלדאַטן.)

קאָמאַנדיר

האַלט! (זיי בלייבן שטיין). **וועכטער, מיר זיינען געקומען נעמען דעם יידן צו דער תליה.**

וועכטער

אַז ווער דאַרף אים, נעמט אים אַוועק. (זוכט די שליסל, דערשרעקט זיך) **וואו איז דער שליסל? — אַ, אָט איז ער אין דער טיר, וואָס איז היינט דער מער מיט מיר?**

קאָמאַנדיר

קום ייד. (חלפתא קומט אַרויס, שטעלט זיך צווישן די פיר סאָלדאַטן) **מאַרש! — איינס־צווײ, איינס־צוויי —** (זיי מאַרשירן אַוועק)

וועכטער

(פאַרשליסט די טיר און זעצט זיך ווידער אַוועק). **איצט וועל איך שוין קענען כאַפּן אַ דרימל אַ געשמאַקן.**

(ער שלאָפט באַלד איין. ווי ער ווערט אַנטשלאָפן, ווערט ערגעץ ווייטער אַ געשריי: „קאַראַול!" „כאַפּט דעם יידן!" — כאַפּט אים!")

וואָס איז דאָס, אַנטלויפן?

(עס ווערט אַ געלויפעריי און אַ געשריי: „כאַפּט דעם יידן!" **טעלעכע** לויפן איבער דער בינע. דער **וועכטער** שטעלט איינעם אָפּ.) **וואָס איז געשען?**

לויפער

האָסט איבערגעביטן דעם יידן, אידיאָט, איצט איז ניטאָ וועמען צו הענגען. (לויפט ווייטער).

טייטש

די גלייכסטע זאַך פאַר מיר איז אויך לויפן. (ער וואַרפט אַוועק די ביקס און אַנטלויפט. עס איז שטיל פאַר אַ ווייל, דערנאָך הערט זיך אַ שאַרפע שיסעריי. ווידער שטיל. עס ווערט פינצטער). (עס בייט זיך די סצענע)

די ברוינע שטוב איבער דעם ברוינעם קעלער

(עס איז מיט אַ צייט שפּעטער. די שטוב איז כמעט אַ ליידיקע, עס איז נאָר פֿאַראַן אַ טיש מיט עטלעכע שטולן. רעכטס איז די טיר אין דרויסן. דער טיש מיט די שטולן שטייען רעכטס פֿון פֿאָרנט. אין מיטן פֿון דער דיל געפֿינט זיך אַ פֿאַלטיר אין קעלער אַריין. אויף דער בינע זיינען פֿאַראַן די **דריי טייטשן, דער ערשטער** איז אַ מיטלוואוקסיקער, פֿעטער טייטש פֿון אַ יאָר פֿערציק. דער **צווייטער** איז אַ יונגער און אַ ברייטפּלייציקער.. דער **דריטער** איז אַ הויכער, פֿעסטער און מאָגערער טייטש אין די צוואַנציקער יאָרן. פֿון הינטן הערט זיך דאָס קרעכצן פֿון מענטשן, צומאָל אונטערבראָכן פֿון אַן אויסגעשריי, עס הערט זיך איצט פֿון אונטן:)

קול

(פֿון אונטן) אוי. (פּויזע)

ערשטער

קוים מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן.

צווייטער

זיי זיינען כיטרע, די יידעלעך, זיי ווילן נאָר מען זאָל וועגן אונדז שרייבן אין די בלעטער.

ערשטער

נאָר די צייטונגסלייט? און וואָס הערט זיך מיט אונדזערע אייגענע פֿאַררעטערס. מען זוכט נאָר אַ תירוץ צו מאַכן ראַיאָטן, גיב זיי ברויט.

קול

(פֿון אונטן אוי! — —

דריטער

דאָס איז דער קליינער יידליק. איך וועל פֿון אים באַלד שניידן פּאַסעס.

ערשטער

וואָס רעדסטו, דאָס איז דער דאָקטערל. דער קליינינקער שרייט קיינ־מאָל ניט. אַ מאָדנער יידל, נאָר ער שטומט.

צווייטער

מען מוז אים מאַכן ריידן. מען האָט אָנגעזאָגט פון אויבן, אַז עס איז וויכטיק מען זאָל פון אים אַרויסקריגן, וואו דער ייד מאָזעס געפינט זיך.

דריטער

איך האָב אַ געדאַנק. (שרייט אַרונטער אין קעלער) דערלאַנגט מיר דעם דאָקטערל.

אַ קול

(פון אונטן) וועלכער דאָקטער?

דריטער

דעם צווייטן.

ערשטער

צו וואָס דאַרפסטו אים?

קול

(פון אונטן) אָט קומט ער (עס עפנט זיך די טיר פון קעלער, מען שטופט אַרויף אַן אויסגעמאַטערטן, אָפּגעמאַרעטן יידן)

ייד

וואָס ווילט איר נאָך פון מיר?

דריטער

הערסט דעם עזות, אָנטקעגן צו ריידן? (גיט אים אַ ריס מיט אַ בייטש איבער די פּיס). איך וועל דיר באַלד זאָגן וואָס מען וויל פון דיר. (ייד שווייגט) דו זאָג דעם גאַליציאַנער בחור, ער זאָל אונדז אויסזאָגן וואו דער ייד מאָזעס געפינט זיך.

ייד

אַז איך האָב שוין מיט אים גערעדט, אַז ער זאָגט, איר האָט איבער אים קיין רעכט ניט, ער איז — —

דריטער

(שמייסט אים ווידער איבער די פּיס, דער ייד ווערט שטיל) דו וועסט ריידן אָנטקעגן. (הייבט אויף די בייטש) דו רייד מיט אים.

ייד

אוי, אוי, האָב שוין רחמנות. שלאָג ניט, שלאָג ניט, איך וועל ריידן, איך וועל טאָן אַלץ.

צווייטער

וואַרף אים צוריק אַרונטער.

דריטער

מיך וועלן די לויזיקע יידן ניט אָפּנאַרן. איך וועל גיין מיט אים (ער גייט אַרונטער מיט דעם יידן אין קעלער. גיי, פאַרדאַמטער ייד!

ערשטער

(גענעצט) אַה! — שוין ווידער ניטאָ וואָס צו טאָן. מען ווערט מיד וואַרטנדיק.

צווייטער

לאָמיר שפּילן דעם יידישן שפּיל.

ערשטער

אַז עס זיינען קיין קאַרטן ניטאָ.

צווייטער

ווער זאָגט ניטאָ. איך האָב קאַרטן.

ערשטער

ביסטו דאָך גאָר אַ יאָט. באַוויז. (דער צווייטער נעמט אַרויס קאַרטן. זיי זעצן זיך שפּילן) דו טיילסט. (ער האַלט די קאַרטן פון דערווייטנס און דרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, ווייל עס איז אים שווער צו זען אָן גלעזער) שיינע קאַרטן, וואָס דו קענסט מיר שוין דערלאַנגען. (פון אונטן הערט מען געשרייען).

צווייטער

(לאַכט) דו זוכסט אַן אויסרייד, טאָמער פאַרלירסטו. (פון אונטן שרייט מען).

ערשטער

איך פאַרשטיי ניט, וועמעס קול איז דאָס?

צווייטער

וואָס פאַרשטייסטו ניט, ער שלאָגט דעם דאָקטער, כדי דער יידליקל זאָל ריידן.

ערשטער

אַז איך האָב ניט מיינע גלעזער — וואָס איז דאָס, אַ קעניג? אָט האָסטו אַ קעניג — דענקסטו ער שניידט דאָס מיטן מעסערל?

צווייטער

וואָס דען, ער וועט מאַכן שטיק מיט זיי — אַט האָסטו אַ דאַמע.

ערשטער

קיין דאַמע האָב איך ניט. ווייסט, ער איז אַ ביסל צו־צו, ווי רופט מען דאָס, — אַט האָסטו אַ צוויטל, — מען דאַרף ניט באַלד נעמען דאָס מעסער.

צווייטער

(וואַרפט אַ קאָרט) נעם דאָס איבער דו קענסט. (געשריי פון אונטן) מען מוז זיי אָנשרעקן. (שרייען פון אונטן)

ערשטער

עס איז אוממעגלעך צו שפּילן. איך קען דעם געשריי ניט פאַרטראָגן. (שטעלט זיך אויף, קלאַפּט מיטן פוס אין קעלער) זע זיי זאָלן ניט שרייען. (זעצט זיך צוריק).

צווייטער

פונקט געטראָפן. אַ ייד מוז שרייען. אַט נעם דאָס איבער דו קענסט. (דאָס קאָרטן־שפּיל ווערט שנעלער און דאָס געשריי יאָמערלעכער) עס איז ניט צום שפּילן.

ערשטער

עס איז דיין גאַנג. ווייסט נעכטן האָב איך געקראָגן אַ הון ?

צווייטער

וואָס רעדסטו, אַ הון ? וואו האָסטו געקראָגן ?

ערשטער

פרעג ניט. געווינען ווילסטו, האַ ? (דער געשריי ווערט שטאַרקער)

צווייטער

וואָס טוען זיי דאָרטן ? (ליגט אַוועק די קאָרטן)

ערשטער

שאַ — (עס הערט זיך אַ שטילער יאָמערלעכער אויסגעצויגענער קרעכץ).

צווייטער

(מיט שרעק) דאָס איז דער קליינער יידליק.((זיי הערן זיך איין געשפּאַנט).

עס איז אַזוי מאָדנע. דאָס בלוט גיסט זיך פון אים און ער שרייט ניט. מען קען משוגע ווערן, זאָג איך דיר. משוגע! מען שלאָגט, שלאָגט — ער שווייגט. (איצט הערט זיך דאָס געשריי פון עטלעכע).

ערשטער

מען שלאָגט דאָרט רעכטס און לינקס. (מיט כעס) דער פאַרפלוכטער זאָו — יודע! מען דאַרף שניידן פאַסעס ביז ער זאָגט אויס.

צווייטער

ער זאָגט ער איז אַ פּוילישער.

ערשטער

קיינער וועט זיך פאַר אים סייווי ניט אָננעמען.

צווייטער

צומאָל קען אַרויס אַ סקאַנדאַל.

ערשטער

ווער זאָגט, אַז מען דאַרף זיך דערוויסן. ער קען פאַרשווינדן.

צווייטער

דו הערסט?

ערשטער

שאַ — וואָס איז דאָס?

צווייטער

אַ המון! — ראַיאָטן —

ערשטער

די פאַרדאַמטע פאַררעטער! — (הערן זיך איין) עס האָט זיך דיר געדאַכט. עס איז ניט קיין המון — דאָ הינטן (אַ געשריי און עס ווערט שטיל).

צווייטער

דאָס איז דער יידליק. (פויזע) וואָס איז דאָרט געשען?

ערשטער

(שטאַרק נערוועז) פונוואַנען זאָל איך וויסן.

צווייטער

מען דאַרף אים מאַכן שווייגן. — מען קומט (עס קומט אַרויף דער דריטער, אַן אויסגעמוטשעטער און פאַרשוויצטער).

צווייטער

נו? —

דריטער

פוה! — (ווישט זיך דעם שווייס) אַזאַ פאַרדאַמטער ייד, ער וויל ניט ריידן!

ערשטער

עס איז אַ באַפעל, מען מוז אים מאַכן ריידן.

דריטער

ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? אדרבא, אפשר ווייסטו?

צווייטער

ווייסטו גאָר וואָס, ברענג אים אַרויף אַהער. מיר וועלן אים אַלע באַאַרבעטן.

ערשטער

עס איז אַ גוטער געדאַנק.

דריטער

איך וועל אים ברענגען. (ער גייט אַרונטער אין קעלער. די צווי וואַרטן ביי דער קעלער־טיר. פויזע). גיי אַרויף, דו שמוציקער ייד. (חלפתא קומט אַרויף פון קעלער. ער איז שרעקלעך צעבלוטיקט, ביידע אויגן זיינען ביי אים פאַרונען מיט בלוט, אַזוי אַז ער גייט ווי אַ בלינדער. נאָך אים גייט דער דריטער).

חלפתא

(טאַפּט מיט די הענט) וואו גייט מען דאָ?

ערשטער

גיב אים אַ בענקל.

צווייטער

ניט איך — (דער ערשטער רוקט אונטער חלפתאן אַ בענקל, ער וואָגט ניט צוגיין גאָר נאָענט). זעץ זיך. הינטער דיר שטייט אַ בענקל.

חלפתא

אַ דאַנק. האָסט געטאָן אַ מצוה. (שווייגן) נו, וואו איז מאַזעס? איר האָט דאָך געזאָגט אַז מאַזעס איז דאָ. (קיינער ענטפערט ניט) איך וואָלט אים וועלן פרעגן וועגן מיין באַלעבאָס׳ מיידל (שווייגן) האָט איר ווער געזען אַ יידיש מיידל? אסתר הייסט זי.

ערשטער

וואָס זאָרגסטו זיך פאַר איר? דיך האָסטו שוין פאַרזאָרגט? זאָג בעסער אויס וואו מאַזעס געפינט זיך.

חלפתא

(בייגט איין דעם קאָפּ) ווי וועל איך זיך קענען פאַרענטפערן פאַרן באַלעבאָס? (שווייגן)

ערשטער

וואָס פאַר אַ מין ייד איז דאָס? (שווייגן) וואָס טוט מען איצט?

דריטער

האָסט אים דאָך געהייסן ברענגען.

ערשטער

וואָס ווייס איך, דו האָסט אים דאָך אויסגעפרעגט.

צווייטער

וואָס טוט מען פאָרט?

דריטער

איך וועל דיר באַלד ווייזן וואָס צו טאָן. (לאָזט זיך צו מיט אַ פויסט און וויל דערלאַנגען חלפתאן)

צווייטער

(האַלט אים אָפּ) וואָרט, איך וועל אים פרעגן. — הער נאָר דו, ייד —

חלפתא

האָ? — (בייגט זיך אָן ווי אַ בלינדער וואָס דערהערט ניט).

צווייטער

דו זאָג בעסער, וואו עס געפינט זיך דער ייד מאָזעס און מיר וועלן דיך אַפּלאָזן אַהיים.

חלפתא

(מאַכט מיט דער האַנט) שטותים, (פויזע) איך וואָלט וועלן וויסן וואו עס געפינט זיך מיין באַלעבאָס מיידל, אסתר, הייסט זי.

ערשטער

דו נאַרישער ייד, פאַרוואָס רעדסטו ניט?

חלפתא

וואָס זאָל איך זאָגן?

ערשטער

וואו איז מאָזעס?

חלפתא

ביי גאָט ברוך הוא אין די הענט. מיר זיינען אַלע ביי אים אין די הענט, דו אויך, און אַפילו דיין עלטסטער. אַ ייד מוז האָבן בטחון.

צווייטער

וואָס מיינסטו?

חלפתא

בטחון, יעדער ווייסט וואָס עס איז בטחון. אַלץ איז לטובה, אַלץ קומט פון אים. ווער איז דען קלוגער פון גאָט ברוך הוא, און ביי וועמען איז פאַראַן מער גערעכטיקייט?

צווייטער

(פאַרשטיינערט, שרעקט זיך) וואָס מיינט ער?

ערשטער

הער נאָר ייד, פון וואָס פאַר אַ לאַנד קומסטו?

חלפתא

ווי הייסט פון וואָס פאַר אַ לאַנד? פון לאַנד פוילן.

דריטער

וועמען ווילסטו שרעקן מיט דיין מלכות?

חלפתא

מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

דריטער

מיט דיינע כישוף־רייד, וועסטו אונדז ניט אָפּנאַרן.

חלפתא

נאָר איין מלך איז פאַראַן, גאָט ברוך הוא.

ערשטער

דיין גאָט האָט דיך אויך פאַרלאָזן.

חלפתא

(שפּרינגט אויף און שרייט) עס איז אַ ליגן! ביסט אַ ליגנער! עס איז שקר!

דריטער

(לאָזט זיך צו חלפתאן, דער צווייטער וויל אים צוריקהאַלטן, אָבער עס איז שוין צו שפּעט. ער דערלאַנגט חלפתאן מיט אַ פויסט צווישן די אויגן, אַז דאָס בלוט נעמט רינען). נאָ! איצט ווייסטו ווער עס איז אַ ליגנער.

אַנדערע צוויי

(האַלטן צוריק אַן אויסגעשריי פון שרעק)

חלפתא

(שוואַך) אַה... רבונו של עולם, זיי זיך מרחם! רבונו של עולם...

ערשטער

(דערשראָקן) וואָס האָסטו אים געטאָן?

דריטער

(ווייזט די פויסט מיט דעם גראָבן פינגער) **מיט דעם גראָבן פינגער האָב איך אים אַריינגעקוועטשט אין אויג אַריין.**

צווייטער

(שטאַרק דערשראָקן) **וואָס וועלן מיר איצט טאָן? ער איז אַ פרעמדער**

(פויזע) (אַן אַלטער וואַנט־זייגער אין אַ צווייטן צימער קלאַפּט אויס פינף.)

חלפתא

(הייבט אָן לאַנגזאַם אויף אַ קול) **אשרי יושבי ביתך, עוד יהללוך סלה, אשרי העם שככה לו, אשרי העם שיי אלהיו, תהילה לדוד ארומימך אלוהי המלך, ואברכה שמך לעולם ועד.**

צווייטער

(שרייט אויס נערוועאיש, פול מיט כעס און מורא) **שווייג! דו פאַר־דאַמטער ייד! דו ווילסט אונדז פאַרכישופן?**

ערשטער

וואָס פאַר אַ שוואַרצע ווערטער זינגען דאָס?

חלפתא

נו, נו, מפסיק... (דאַוונט שטילערהייט. פון גאַר דערווייטנס הערן זיך קולות פון המון.)

צווייטער

איך זאָג, אַז מיר זאָלן אַוועק. ער וועט אויף אונדז ברענגען אומ־גליק.

ערשטער

עס גייט אַ המון פון הונגעריקע.

דריטער

וואָס שרעקט איר זיך, פייגלינגע!

צווייטער

דו קענסט ניט די יידן, (דאָס קול פון עולם קומט נעענטער) **דאָס רעדט ער צום טייוול.**

דריטער

איך וועל אייך באַלד ווייזן, ווי ער רעדט צום טייוול. (ער כאַפּט אַ ביקס, הייבט זי אויף, גרייט אַראָפּצולאָזן זי מיט דער קאָלבע אויף חלפתאס קאָפּ.)

אַנדערע צווײ

ניטע! (דער ערשטער כאַפּט אָן די ביקס פון הינטן און האַלט זי).

חלפתא

(ווידער אויף אַ קול) **שומר את כל אהביו ואת כל הרשעים ישמיד.**

(דאָס קול פון המון איז נאָענט)

ערשטער

ראַיאָטן! דאָס הונגעריקע פאָלק! (ער לויפט אַרויס)

צווייטער

(לויפט נאָך אים).

דריטער

(קוקט זיך אום, וואַרפט אַוועק די ביקס, שרייט היסטעריש אַרונטער אין קעלער) **אַ מלחמה!** (אַנטלויפט). (אין קעלער הערט זיך אַ טומל: „אַ מלחמה! די הונגעריקע!" עס הערט זיך שיסן פון דער ווייטנס. **ברוינע** לויפן אַרויס פון קעלער מיט דעם געשריי: „אַ מלחמה! אַ מלחמה!").

חלפתא

(כאַפּט זיך, אַז ער האָט ניט פאַרענדיקט די תפילה) **תהילת ה״ש ידבר פי ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד, ואנחנו נברך יה מעתה ועד עולם הללויה.** (ווען ער וויל זיך שטעלן שמונה עשרי, שטעקט פון קעלער אַ ייד אַרויס אַ דערשראָקענעם, אויסגעמאַטערטן קאָפּ).

דער ייד

וואו זיינען זיי אַלע?

חלפתא

(דרייט אויס דעם קאָפּ) **ווער רעדט דאָס?**

דער ייד

(מיט שמחה) **זיי זיינען ניטאָ!** (שרייט אַרונטער) **יידן, קומט, מיר זיינען פריי! — פריי!**

חלפתא

(שטרענג) **ווער רעדט דאָס?**

ייד

איז די טיר אָפן? (אַנדערע **יידן**, צעביילטע, צעשלאָגענע, קומען פון קעלער. דאָס קול פון המון קומט אַלץ נעענטער). **זיינען דאָס יידן?**

יידן

יידן, יידן אַלע, קומט, לאָמיר אַנטלויפן!

חלפתא

(שטעלט זיך אַנטקעגן) וואו גייט איר, יידן?

יידן

מיר זיינען פריי. מיר גייען אַרויס אין דער ליכטיקער וועלט!

חלפתא

גייט ניט! עס גייט דער המון אַהער. פאַרמאַכט די טיר און בלייבט דאָ!

יידן

ווער זאָגט מיר זאָלן דאָ בלייבן? ווער ביסטו אונדז צו זאָגן? מיר זיינען פריי!

חלפתא

(בייז) איך וועל ניט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן זיין אומזיסטע קרבנות.

יידן

ווער ביסטו ניט צו דערלאָזן? — האָסט געהערט אַן עזות! — אַ נייער פירער. —

חלפתא

עס איז אַ מלחמה, אַ פרעמדע. קריכט ניט אין אַ פרעמדן פייער! (דער געשריי וואַקסט נאָך אַלץ און קומט נעענטער).

יידן

און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן קומען אַהער?

חלפתא

גייט איר כאָטש ניט צו זיי. פאַרהאַקט די טיר און פענצטער.

יידן

ער וויל אונדז פאַרשפאַרן ווי מייז אין קלאַטקע. פאָלגט אים ניט! (דער געשריי און די שיסערייַ זיינען שוין נאָענט).

חלפתא

פאַרהאַקט טיר און פענצטער און לאָזט קיינעם ניט אַריין.

אַנאַנדער ייד

הערט וואָס עס טוט זיך. דער בלינדער איז גערעכט. (ער פאַרהאַקט טיר און פענצטער).

חלפתא

איצט, יידן, האָט בטחון אַלע און שוויַגט. זאָל איינער שטיין ניט וויַט פון פענצטער און זען וואָס עס טוט זיך.

ייד

(בײַם פענצטער) **עס איז אַ מלחמה צווישן פאָלק מיט די ברוינע, עס לויפן אָרעמע מענטשן — יידן לויפן.**

חלפּתא

יידן! מען דאַרף זיי אַריינרופן. (צווישן די אַלע קולות וואָס הערן זיך, הערט זיך דאָס פאַרצווייפלטע געשריי פון פאַרפאָלגטע יידן) **מען דאַרף זיי אַריינרופן!**

אַן אַלטער ייד

עס איז אַ געפאַר, מען טאָר די טיר ניט עפענען. מיר וועלן אַלע אומקומען.

חלפּתא

עפנט די טיר פאַר יידן!

יידן

עפנט ניט! — מיר וועלן ניט עפענען! — עס איז אַ געפאַר —

חלפּתא

(שרייט) **עפנט די טירן!**

יידן

וואָס פאַר אַ באַלעבאָס איז ער! — מיר וועלן אונדזער לעבן ניט איינשטעלן.

חלפּתא

יידן, פאַרגעסט ניט ווער איר זייט. דאָס זיינען אייערע ברידער. — (די יידישע קולות אינדרויסן ווערן מערער).

יידן

מיר וועלן ניט עפענען. מיר קומען פריער. מיר האָבן קינדער! (עס איז שטיל אויף דער בינע, אינדרויסן וואַקסט דער שטורעם).

חלפּתא

וואו איז די טיר? (ער פילט זיין וועג צו דער טיר. קיינער וואָגט אים ניט צו שטערן. די זיינען דערשטוינט און מאַכן אַ וואָרע פאַר אים. ער וואַרפט אַוועק אַלץ וואָס שטייט צווישן אים און דער טיר ביז ער דערגרייכט זי און מאַכט זי אויף. ער שרייט אַרויס) **יידן! קומט אַהער, יידן!** (אַ שאָס ברעכט אַ שויב ניט ווייט פון חלפתאן).

יידן

היט זיך!

חלפתא

גאָט וועט מיך היטן. יידן! קומט אַהער! (מיט די קולות וואָס שטראָמען אַריין פון דער אָפענער טיר, קומען אַריין מיט געשריי פון שרעק יידן, מענער, פרויען, קינדער) קומט אַלע אַהער! (שפּרייט אויס זיינע הענט אין עקסטאַז) קומט, בני ישראל!

אַ ייד

ווער איז ער?

חלפתא

קומט פון אומעטום! דער גאָט פון ישראל וועט אַלעמען באַשיצן! (עס לויפן מאַסן מענער, פרויען, קינדער. אַפילו דורך דעם פּובליקום לויפן מאַמעס מיט קינדער אַרויף אויף דער בינע מיט געשריי פון שרעק. אַלע טוליען זיך אין אַ גרויסער מאַסע איינער צום אַנדערן, עס ווערט שטיל.) זיינען נאָך פאַראַן דאָרט יידן?

אַלטער ייד

דאָס זיינען די לעצטע, מער זיינען ניטאָ.

חלפתא

איצט פאַרהאַקט די טירן און לאָמיר אַלע אינאיינעם בעטן גאָט, אַז ער זאָל אונדז אַ נס באַווייזן. (מען פאַרמאַכט די טירן).

איינער

(מיט ביטערקייט) יע, ניסים, לויטער ניסים באַווייזט ער אונדז.

חלפתא

זינדיק ניט, דו... אַ נס... (ער האָט אַנגעבויגן דעם בלינדן קאָפּ. אַלע וואַרטן.) יידן, לאָמיר תפילה טאָן: אבינו מלכנו בטל מעלינו כל גזרות קשות.

יידן

(זאָגן נאָך).

חלפתא

אבינו מלכנו בטל מחשבות שונאינו.

יידן

(זאָגן נאָך)

חלפתא

אבינו מלכנו הפר עצת אויבינו.

יידן

(זאָגן נאָך)

חלפתא

אבינו מלכנו כלה כל צר ומשטין מעלינו.

יידן

(זאָגן נאָך. צווישן די אַנדערע קולות הערט זיך דאָס קול פון ייִנגל אינדרויסן, רופנדיק: חלפתא!) —

חלפתא

עס קומט נאָך איינער. לאָזט אים אַריין. (מען מאַכט אויף די טיר, עס פאַלט אַריין אַ פאַרמאַטערטער, אַ פאַרבלוטיקטער **דאָס ייִנגל,** ער פאַלט צו צו חלפתאן.) **וואו יאָגסטו זיך אַרום אַזאַ ייִנגל איינער אַליין?**

ייִנגל

(וויינט ביטער) **מיין שוועסטער איז פאַרפאַלן געוואָרן.**

חלפתא

אַ יידישע טאָכטער זאָל דאָס טאָן. קאָרג אייגענע צרות? זי וועט קומען, אַלע וועלן זיי קומען. (פונדרויסן הערט זיך דער פאַרצווייפל־טער געשריי פון אַ פרוי און עס פאַלט אַ שאָס, וואָס פאַרשטומט זי) **עס זאָל זיך קיינער פון אָרט ניט רירן. אויב טויט, איז עס אַ קרבן.** (פויזע. פונדערווייטנס הערט זיך דאָס זינגען פון „אינטערנאַציאָנאַל" פון אַ מאַסע קולות).

יידן

וואָס איז דאָס?

חלפתא

(אין התלהבות) **אַ נס!**

יידן

אַ נס!

חלפתא

(מיט גרויס פרייד) **אַ נס! אַ נס!** (זיי הערן זיך איין ווידער. געזאַנג קומט אַלץ נעענטער און גייט פאַרביי).

אַלע

אַ נס האָסטו באַוויזן.

חלפתא

רעדט ניט אַזוי, עס איז אַן עבירה. גאָט ברוך הוא. דער אויבערשטער גיט כוח אַריבערצוטראָגן, ער שיקט די ישועה, מען דאַרף נאָר האָבן אמונה, אמונה אין גאָט, אמונה אין יידן.

יינגל

איצט זיינען שוין אַלע צרות פֿאַריבער.

חלפֿתא

ווער האָט געזאָגט? עס איז ליגן, צרות, טאָקע באַלד ביי דער שוועל.
(אסתר קומט אַריין, זי וואַקלט זיך און האַלט זיך קוים אויף די פיס).

אסתר

חלפֿתא!

חלפֿתא

(מיט טיפער פריידּ) **אסתר! אסתרל! וואו ביסטו?**

אסתר

אָט בין איך דאָך, זעסט מיך ניט?

חלפֿתא

(לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ, שטיל.) **דער שונא האָט מיינע אויגן צוגע־נומען.** (פויזע) **דו זאָגסט גאָרניט, אסתרקע?**

אסתר

(פֿאַלט חלפֿתאן אויפן אַקסל, וויינט) — **מאָזעס איז געשטאָרבן.**

חלפֿתא

געשטאָרבן? — אומזיסט דער קרבן. (הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אַרויף מיט זיינע בלינדע אויגן). **גאָט אין הימל, איז עס גערעכט אַזוי?** (פויזע. בייגט צוריק איין דעם קאָפּ). **ברוך דיין האמת... יינגל!**

יינגל

וואָס ווילסטו?

חלפֿתא

ביי דער טיר ליגט נאָך אַ קרבן, גיי זע ווער איז עס. (דאָס יינגל לויפט אויף גיך אַרויס. עס פֿאַלט

דער פֿאָרהאַנג

דריטער אַקט

(עס איז אַ וועלדל ניט ווייט פון דעם קליינעם עלטסטנס זומער־וואוי־נונג).

(דער הויפּט שפּילער מיט זיין שפּאַקטיוו גייט אויף די שפּיץ פינגער און זוכט אויף דער ערד און אין די קוסטן אַרום).

הויפּט שפּילער

ניטאָ, פאַרפאַלן געוואָרן. אָבער איך וועל אים דאָך כאַפּן! דיין עק וועט קומען! (ער גייט אַוועק. עס קומען אַריין קאַטי, וואָס שלעפּט שוראַך פון באַלדאַף ביי דער האַנט. ער האָט גאָר קיין חשק ניט צו גיין מיט איר).

באַלדאַף

אָבער, פריילין קאַטי, איך האָב אַ וויכטיקע פּאָליטישע מיסיע.

קאַטי

איר מעגט זיך שעמען. בין איך ניט גענוג וויכטיק פאַר אייך? און איך בין אויך פּאָליטיש, נאָך אַזוי פּאָליטיש.

באַלדאַף

ניט דאָס מיין איך. עס איז וויכטיק.

קאַטי

וויכטיק, שמיכטיק. ווער קען עס אייך ניט יונגעלייט. די צרה מיט אייך איז, וואָס איר זייט אַ קאַלטער לונג־און־לעבער.

באַלדאַף

אַז איך האָב קיין צייט ניט. איך מוז אייך זאָגן —

קאַטי

(פאַלט אים אַריין אין די רייד) אדרבא, לאָמיך שוין הערן דאָס ריכ־טיקע וואָרט. עס קריכן מיר שוין די אויגן אַרויס וואַרטנדיק.

באַלדאַף

אַז איך מיין ניט וואָס איר מיינט.

קאַטי

(קאָקעטיש) יונגערמאַן, גיט אַכטונג. פונוואַנען ווייסט איר וואָס איך מיין. אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן, וואָס פאַר אַ געדאַנקען איך האָב. איר מוזט מיר מוחל זיין, יונגער הער. איך האָב זיך דאָס אויף אייך ניט געריכט. איר מיינט צו זאָגן, איך האָב שלעכטע געדאַנקען. געדענקט ווער איך בין.

באַלדאַף

(דערשרעקט זיך, נעמט זי אַן ביים אָרעם) אַז איך האָב ניט געמיינט.

קאַטי

אַן הענט, יונגערמאַן, ביי מיר קריכט מען ניט באַלד מיט די הענט.

באַלדאַף

וואָס טוט מען, — אַז, איך שווער אייך הייליק ביי אַלץ וואָס עס איז מיר טייער, אַז איך . . .

קאַטי

אדרבא, אדרבא, לאָזט טאָקע הערן וואָס איז אייך אַזוי טייער? איר זעט ווי איך האָב אייך געפּאַקט.

באַלדאַף

איך שווער אייך, איך שווער אייך. (ער ווייַנט כמעט, פאַלט אויף איין קני).

קאַטי

(קוקט אויף אים מיט ליבשאַפט פון אַ זייַט) זע, זע, ווי ער צערייסט זיך ממש. נאַריש ייִנגל. ביסטו אַ נאַריש ייִנגל, איך האָב דאָך נאָר געמאַכט שפּאַס. איך האָב נאָר געוואָלט אויסגעפינען צי דו ליבסט מיך טאָקע.

באַלדאַף

צי איך ליב אייך?

קאַטי

מעגסט מיר זאָגן דו.

באַלדאַף

(זייער גאַלאַנט) עס טוט מיר זייער לייד, זייער געערטע און הויכגעאַכטע דאַמע . . .

קאַטי

(מיט גרויס נחת) הער אַ לשון, נאָר ווי ביי די גבירים.

באַלדאַף

אָבער איך מוז אייך זאָגן דעם אמת . . .

קאַטי

נו, זאָג שוין, ווי איז מיר. די נשמה קען דאָך אַרויסקריכן.

באַלדראַף

אַז איך ליב אײַך — ניט.

קאַטי

וואָס? ניט? אוי, ווי איז מיר! (איז באמת געטראָפן פון אַ גרויסן ווייטיק. כאַפּט זיך אָן בײַם האַרצן).

באַלדראַף

עס טוט מיר זייער לייד.

קאַטי

(שטיל) און איך האָב שוין געמיינט, אַז שוין... אפשר צוליב מײַן ברודער?

באַלדראַף

עס איז אמת. אָבער איר, מיט אײַער גרויס האַרץ, וועט אַליין פאַר־שטיין, ווען איך וועל אײַך זאָגן, אַז מײַנע געפילן זײַנען שוין פאַר־נומען.

קאַטי

איך פאַרשטיי ניט. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, אויף פּראָסט יידיש. הייסט עס אפשר ,אַז איר ליבט שוין אַן אַנדערע?

באַלדראַף

דאָס וואָס איך מיין.

קאַטי

ווי איז מיר... (ווערט אַ ביסל צעמישט).

באַלדראַף

(וויל זי אָנכאַפּן, טאָמער פאַלט זי).

קאַטי

נישקשה, איך בין ניט פון די וואָס כאַלעשן באַלד. פאַרוואָס האָט איר מיר באַלד ניט געזאָגט?

באַלדראַף

(אין גרויס פאַרלעגנהייט) איך... איך...

קאַטי

איך ווייס, עס זאָגט זיך ניט. (פאַרטראַכט) פונקט ווען מען דאַרף, זאָגט עס זיך ניט.

באַלדאַף

איר ווייסט ניט ווי . . .

קאַטי

איך ווייס, איך ווייס. איר זייט ניט שולדיק.

(דער שפּילער באַווייזט זיך מיט צוויי מחבלים, באַהאַלטן זיך הינ-טער אַ קוסט) איך וואָלט אייך גאָר וועלן פרעגן איין זאַך.

באַלדאַף

פרעגט, איך וועל אויף אַלץ ענטפערן.

קאַטי

ווער איז די גליקלעכע, וואָס געפעלט אייך יאָ?

באַלדאַף

וועט איר האַלטן דעם סוד טיף באַגראָבן אין אייער אײדעלן האַרצן אויף אייביק און אייביק?

קאַטי

אויף מיר מעגט איר זיך פאַרלאָזן.

באַלדאַף

די קעניגן פון מיין האַרצן איז אַ יידישע — אסתּר ווײַנשטיין.

קאַטי

(מיט פרייד) אונדזער אסתּרקע? — אַ טייער קינד. ניט?

באַלדאַף

דאָס מוז בלייבן אַן אייביקע געהיימניש.

(דער שפּילער מיט זיינע צוויי מחבלים קומען אַרויס).

שפּילער

אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד.

קאַטי

גאָט מיינער!

שפּילער

איך און מיינע צוויי אַרויסהעלפערס האָבן עס געהערט פון דיין אייגן מויל. דו האָסט געשענדעט אונדזער ראַסע און האָסט באַליידיקט אונדזער פירער. פאַרנעמט אים.

קאַטי

איר נעמט ניט דערוויל. און איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלדז אַריין. אַ דערוואַקסענער מענטש זאָל אויך גלייבן אין נאַריש-קייטן. ראַסע, שמאַסע, דריי מיר אַ לעטניק. איר קענט דאָך אונדזער

חברה, באַלד מאַכט מען כיק. וואָלט איר וועלן, אַז צוליב אַ כשרער ליבע זאָל מען אַ יונגן בוים אונטערהאַקן די יאָרן?

שפּילער

אונדזערע אידעאַלן שטייען העכער פון אַלץ!

קאַטי

אָט האָסטו דיר אַ נייע קרענק, אידעאַלן. ווער בעט איך, ווער דאַרף עס. גייט אַהיים און פאַרגעסט וואָס איר האָט געהערט. טוט עס מיר צוליב, איך וועל אייך אַמאָל אָפּטאָן אַ טובה.

שפּילער

פליכט, איז פליכט. מענער, טוט אייער פליכט. אַרעסטירט אים.(די מחבלים נעמען ביי שוראַכן צו דעם שווערד).

קאַטי

באַטראַכט וואָס איר טוט.

באַלדראַף

עס איז אומזיסט, פרײַלין קאַטי, דאָס איז מיין גרעסטער שונא.

שפּילער

אַלע דריי, מאַרש! (די מאַרשירן אַוועק).

קאַטי

איך וואָלט נאָר וועלן וויסן איין זאַך: אַז מען האָט קיין מזל ניט, צו וואָס דאַרף מען יאָרן? (זינגט).

1

אוי, אַ טרויעריקע ליבע, האָב איך אָפּגעשפּילט,
אָפּגעשפּילט, — אוי ווי איז מיר! — און אויף אייביק פאַרשפּילט.
ווי אַ פייל פונעם בויגן,
וואָס איז ניט דערפלויגן,
געפאַלן אין מיטן וועג און פאַרזונקען אין דער ערד.
מיין געיאָמער, מיינע טרערן
וועט קיינער שוין ניט הערן,
איינזאַם וועל איך בלייבן, ווייל אַזוי איז מיר באַשערט.

2

ווי אַ וואַנט אַ געמויערטע, האָט זי זיך געשטעלט,
אַוועקגעשטעלט זיך צווישן אונדז און אָפּגעהאַקט מיין וועלט,
אַ זיפץ אַ פאַרלאָנגען,

וואָס איז ניט דערגאַנגען.
פאַרשטומט אין מיטן וועג און פון קיינעם ניט געהערט.
מיינע ליידן און מיין בענקען
וועלן מיך אַליין נאָר קרענקען,
איינזאַם וועל איך בלייבן, ווייל אַזוי איז מיר באַשערט.

3

מיין יוגנט איז פאַרגאַנגען, מיין שאָנהייט איז פאַרבליט,
די הויט איז מיר געקאַרטשעט שוין, די אויגן זיינען מיד.
אָפּגעלעבטע יאָרן
פאַרגעסן געוואָרן,
מיין האַרץ איז צעטראָטן, מיין גליק איז צעשטערט,
אַ ליבע אַ ניט געליבטע,
אַ טרויעריקע, אַ באַטריבטע,
איינזאַם וועל איך בלייבן, ווייל אַזוי איז מיר באַשערט.

4

מיין האָפנונג איז געשטאָרבן, מיין האַרץ איז פאַרוויסט;
וואָס טויג מיר נאָך דאָס לעבן, אַז איך בין אים פאַרמיסט.
אַ ליד וואָס האָט געקלונגען,
פון שטילקייט פאַרשלונגען,
אַ ליבע האָט מיין לעבן אויף אייביק צעשטערט.
אַ בלימעלע, אַ צאַרטע,
בלייבט ליגן אַ פאַרדאַרטע,
איינזאַם וועל איך בלייבן, ווייל אַזוי איז מיר באַשערט.
(זי גייט אַרויס)

(עס בייט זיך די סצענע)
(אין לאַנד גייט שוין אָן די מלחמה איצט אויף אַלע פראָנטן, דאָס איז דער לאַגער פונעם עלטסטן, ווייט פון אַלע פראָנטן. עס געפינען זיך אויף דער בינע דער עלטסטער, דער קנאַקער, דער ריידער, דער שפּילער, דער מיניסטער, דער יעדנעראַל, דער טראַכטער, עטלעכע אָפיצירן און אַ טייטש, וואָס שטייט ביי דער טיר. שוועבער באַוואַפנט,)

עלטסטער

זיינען די אַרמייען גרייט, הער יעדנעראַל ?

יעדנעראַל

גרייט, אדוני עלטסטער.

עלטסטער

(צום ריידער) און די פרידנס שלוחים ?

ריידער

אַלץ באַזאָרגט און ספּעציעל שלום־אינטערוויוס, אין די צייטונגען פון אומעטום, וועט זיך מאָרגן הערן פרידן.

הויפּט יעדנעראַל

(אין דער שטיל צום מיניסטער) נאָר פון איין פלאַץ וועט זיך הערן מלחמה.

קנאַקער

(צום עלטסטן אין דער שטיל) האָסט געזען, אדוני עלטסטער ? (הויך) איז נאָך פאַראַן איין קלייניקייט, די אפּערע באַלדאַך.

עלטסטער

ברענגט אים אַריין.

טייטש

(שרייט אויס) שוראַך פון באַלדאַך ! (צוויי טייטשן פירן אַריין שוראַך פון באַלדאַך אין קייטן).

עלטסטער

וואָס איז די קלאָגע קעגן אים ? (קאַטי באַווייזט זיך אין אַ טיר).

שפּילער

אדוני עלטסטער, העכסטער פון אַלע ! איך הייב אויף . . .

עלטסטער

קורץ, קורץ.

קנאַקער

וואָס טויג דיר אַזויפיל לשון ? — ער האָט געשפּילט אַ ליבע מיט אַ יידישער מויד.

אַלע

אָט דאָס איז אַ שאַנדע ! — אומדערהערט — אַזאַ פאַרברעכן. — דאָס איז אַ פאַרראַט.

שפילער

אחוץ אַלעמען, איז ער אַליין גאָר אַ פאַרשטעלטער ייד. זיין אמתער נאָמען איז ניט שוראַך פון באַלדאַך, נאָר באַרוך פון שולדאַך.

אַלע

הער — הערט —

עלטסטער

שיסט אים.

קאַטי

(שפּרינגט אַרויס) אדעשע, קריון, מיר צוליב, טו עס ניט.

עלטסטער

דו דאַרפסט זיך אַריינמישן. פירט אים אַוועק. איך וועל אייך שוין לאָזן וויסן דעם אורטייל.

קאַטי

אַבי ניט שיסן.

עלטסטער

נו, ניט שיסן. און שטערט מיך ניט איצט. (קאַטי גייט אַרויס) איצט, מיינע פריינט, גייט יעדער צו זיין אַרבעט.

קנאַקער

איך וואָלט וועלן אַלעמען פאַרבעטן צו מיר פאַר אַ טרונק און אַ צובייס, ווייל עס זיינען נאָך פאַראַן געוויסע קליניקייטן צוצוגרייטן. (זיי גייען אַרויס הינטערוויילעכטס. דער קנאַקער קומט באַלד צוריק).

עלטסטער

שנעל! דערצייל!

קנאַקער

די גענעראַלן האָבן איצט אַן ארמיי מאַרשירנדיק אַהער. מיר זיינען שוין פאַראורטיילט און זיי וועלן איבערנעמען די ממשלה. דאָס לאַנד איז דורכגעפּרעסן מיט שונאים.

עלטסטער

וואָס וועסטו טאָן?

קנאַקער

די גענעראַלן האָב איך שוין פאַרזאָרגט. דערפאַר האָב איך זיי פאַרבעטן. זיי און דעם מיניסטער.

עלטסטער

גוט. און דעם פאָלק דאַרף מען פאַרשטאָפּן דאָס מויל. גיב אַרויס אַ

גזרה, אַז אין אַ געווימן טאָג זיינען די יידן הפקר. דאָס פאָלק קען זיי אויסקוילענען און באַראַבעווען.

קנאַקער

אַ גאָלדענער פּלאַן. ווען עס וואָלטן נאָר זיין מער יידן, וואָלט נאָך בעסער געווען. ווייל עס וועט ניט סטאַיען פאַר אַלעמען.

עלטסטער

דערביי בלייבט עס.

קאַטי

(באַהאַלטן הינטער אַ פאַרהאַנג) מאַמע געטרייע, עס איז דאָך אַ חילול השם. איך מוז לויפן וואָרענען די יידן. (זי גייט אַוועק).

טייטש

אַ שליח.

קנאַקער

לאָז אים אַריין. (עס קומט אַריין אַ פאַרשטויבטער סאָלדאַט).

עלטסטער

וואָס פאַר אַ נייס האָסטו ?

שליח

עס מאַרשירן סאָלדאַטן אויף אונדז פון אַלע זייטן.

עלטסטער

פונוואַנען ווייסטו דאָס ?

שליח

איך האָב נאַרוואָס געקראָגן ידיעות פון אַלע שפּיאָנען.

עלטסטער

שני לעלטסטער, טו דיין פליכט. (צום שליח) דו קענסט שוין גיין. (שליח גייט אַוועק). יאָ, וועגן דעם יונגן באַלדאָך. שיסט אים ניט, נאָר הענגט אים.

קנאַקער

צו באַפעל... (ער סאַלוטירט און גייט אַרויס. פאַר דער צייט שטייט דער עלטסטער זייער אָנגעצויגן. דאָ הערט זיך דאָס שיסן פון אַ מאַשין־ביקס. עס פּראַשעט זיך אָפּ דאָס רעקל, גלייכט אויס די האָר און גייט אַרויס).

(עס ווערט פינצטער)

(די סצענע איז ווידער ביי ר׳ מרדכין אין הויז. עס איז שוין אָבער ניט דאָס הויז פון אַ גבירישן יידן, און דער עולם, וואָס איז פאַרזאַמלט, איז אויך אַן אַנדערער. ר׳ מרדכי אַליין איז נאָך אַלץ אין תפיסה און מיט אים זיינען כמעט אַלע מענער פון דער קהילה, אַחוץ די גאָר אַלטע און די ווייבער, וואָס זיינען געקומען צו דער אסיפה. אסתר זיצט אויבנאָן און לעבן איר אַ משולח פון אויסלאַנד).

אַן אַלטינקער

נו, נו, וואָס איז מען געקומען? אַז מען רופט אַן אסיפה, אויף וואָס זשע?

אַנדערע אַלטע

טאַקע, טאַקע, קאַרג אַרבעט פאַראַן. אַלץ אויף אונדזערע הענט.

אסתר

קען זיין, מען זאָל נאָך קומען.

אַלטינקער

פונוואַנען זאָל זיך נעמען? מען זיצט אין די לאַגערן, זיצט מען.

אסתר

מיינע ליבע יידן. ניט חלילה, וואָס איך וויל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון מיין פעטער, דעם פירער פון דער קהילה, נאָר מיר האָבן אַ גאַסט דאָ, און דאָס מוז בלייבן אַ סוד. עס איז געקומען צו אונדז אַ משולח פון אויסלאַנד, וואָס אונדזערע ברידער האָבן צו אונדז געשיקט.

דער משולח

(רעדט און פּאַלט אַריין אין דעם טאָן פון אַ מגיד) מיינע טייערע ברי־דער, יידן פון לאַנד אשכנז. צעוואָרפן זיינען אונדזערע ברידער איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, ווי די איינצלנע גלידער פון אַ צעהאַקטן גוף. אַזוי מיינען אונדזערע שונאים, ימח שמם. זיי מיינען, אַז ווען זיי וועלן שניידן איין גליד, וועט דער צווייטער גליד ניט וויסן. אָבער אונדזערע שונאים וויסן ניט, אַז אין די אַלע גלידער לעבט איין נשמה. שניידט מען איין אבר, ליידט דער גאַנצער גוף פון דעם ווייטיק. האָבן מיר, די יידן אין די פרייע לענדער, זיך דערוואוסט, פון סוחרים וואָס פאָרן אויף ירידן, אַז ביי אייך אין אשכנז איז אויפגעשטאַנען אַ נייער המן, להשמיד ולהרג את כל בני ישראל, ניט דערלעבן זאָל ער עס.

האָבן מיר, די יידן אין די פרייע לענדער, געהאַלטן אַן אסיפה און באַ־שלאָסן צו העלפן די יידן פון אשכנז.

יידן

מיט וואָס, מיט וואָס? — וואָס קען איר טאָן פאַר אונדז? — קיינער קען אונדז ניט העלפן. — מיר ווילן ניט אַז פרעמדע זאָלן זיך אַריינ־מישן.

אַנדערע

שאַט! לאָזט הערן! אדרבא, אדרבא, לאָזט.

משולח

ראשית, וואָלט איך וועלן וויסן, ווי האַלט עס דאָ ביי אייך?

אסתר

ווי זאָל עס האַלטן? עס איז ביטער, און עס ווייזט ניט אויס אַז עס זאָל ווען ווערן בעסער.

משולח

מיר האָבן געהערט וועגן אַ גרויסן צדיק ביי אייך, אַ בחור, איינעם אַ חלפתא.

יידן

חלפתא, דער הייליקער חלפתא.

משולח

ביי יידן זאָגט מען ניט אַזוי. ער איז אַן איש תם. וואו איז ער?

אסתר

ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

יידן

די שונאים האָבן אים געמוזט דערהרגענען.

משולח

איז, פאַרט, ווי האַלט עס דאָ ביי אייך? ווי האַלט עס ביי זיי?

איינער

אַט וואָס: דער עולם איז אַ גולם. מען זאָגט זיי די יידן זיינען שולדיק אין אַלדאָס בייז, גלייבן זיי. קיין פריינט צווישן זיי האָבן מיר ניט.

משולח

אויב אַזוי, ווי אַזוי קען עס בעסער ווערן?

אסתר

מען הערט אַנדערע נייס אויך. מען דערציילט זיך, אַז עס גייט אַרום אין די דערפער און אויף די וועגן אַן אַלטער בלינדער בעטלער מיט

אַ ליערווע, וואָס זינגט לידער פאַרן פאָלק — אַז עס וועט קומען דער יום־הדין און אַלע רשעים וועלן פאַרטיליקט ווערן. אונדזערע שונאים מיינען, אַז ער מיינט דאָס די יידן. אָבער ביים פאָלק וואַקסט אַ געפיל פון אומרו, און מען זוכט ביי זיי די אמתע רשעים.

משולח

ווער איז דער בלינדער בעטלער?

אסתר

קיינער ווייסט ניט.

אַ ייד

אפשר איז עס אליהו הנביא.

משולח

אַלץ איז מעגלעך. (עס דערהערט זיך קלאַפּן אין דרויסנדיקער טיר. אַלע בלייבן שטיל).

משולח

ניט געשראָקן זיך. מען דאַרף גאָר ניט ענטפערן. (מען קלאַפּט אין פענצטער).

יידן

די מחבלים.

אסתר

לאָמיר זיך ניט פאַרלירן. איך בין די באַלעבאָסטע, איך וועל גיין זען ווער עס איז. (קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַרע אין פענצטער) עס איז אַן אַלטער מאַן מיט אַ יינגל. ער טראָגט אַ ליערווע.

יידן

דאָס איז דער בלינדער בעטלער! לאָזט אים אַריין! ניט אַריינלאָזן, — דאָס איז אַ שפּיאָן!

משולח

מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. (דאָס קלאַפּן איז גאַנץ שטאַרק).

אסתר

אַ שונא, צי אַ פריינט, מען וועט מוזן אויפמאַכן די טיר. (זי מאַכט אויף די טיר. עס קומט אַריין דער בלינדער בעטלער אַליין).

בעטלער

דו ביסט עס, אסתרקע? — וואו ביסטו ערגעץ, יינגל? (דאָס יינגל קומט אַריין).

אסתר

חלפתא!

חלפתא

יע, דאָס בין איך עס.

אַלע

חלפתא! אַ נס!

חלפתא

נאַרישקייטן. וואו איז דער משולח? פיר מיך צו, יינגל, איך וויל געבן שלום צו אַ יידן. (יינגל פירט אים צו). שלום עליכם.

משולח

עליכם שלום. יידן האָבן דערציילט וועגן אייך.

חלפתא

שטותים. דערציילט וואָס אונדזערע ברידער אין אויסלאַנד ווילן טאָן פאַר אונדז.

משולח

מען האָט מיר דערציילט וועגן נייע דעות, וואָס הייבן זיך אָן באַוויזן אין פאָלק.

חלפתא

די נייע דעה איז דער הונגער. דאָס פאָלק הונגערט. אָבער דעם אמתן בראָך ווייסן מיר נאָך ניט. דער אמתער בראָך איז די מלחמה.

אַלע

(מיט שרעק) מלחמה!?

חלפתא

שרעקט זיך ניט, דערווייל. די מושלים פון לאַנד האָבן זיך צוגעגרייט צו באַפאַלן זייערע שכנים אומגעריכט און מיט דעם אַרויסרופן אַ מלחמת גוג ומגוג. אָבער די שכנים זיינען אויך גרייט.

משולח

קען דאָך געמאָלט זיין, זיי זאָלן כאַפּן אַ גיכע מפלה?

חלפתא

עס קען אָבער אויך געמאָלט זיין, זיי זאָלן זיך פאַרגלייכן מיט זייערע שונאים און דערנאָך אויסלאָזן דעם כעס אויף אונדז, און אונדז חרוב מאַכן.

משולח

יידן, עס ליגט אַ טיפע חכמה אין די רייד. מיר יידן קענען זיך נאָר רעכענען מיט זיך אַליין. מיר האָבן ניט קיין פריינט אַחוץ זיך אַליין. טאַקע דערפאַר וויל איך איבערגעבן די שליחות פון די יידן פון דער וועלט. (ער פאַלט אַריין אין אַ מגידישן טאָן) די יידן פון דער וועלט גלייבן, עס איז שוין גענוג פאַר אונדזער פאָלק צו ליידן אין דער פרעמד. וויפל איז טאַקע דער שיעור? און עס איז שוין צייט, אַז די בני ישראל זאָלן זיך אומקערן אַהיים, צו דער מוטער ציון, וואָס זיצט און טרויערט נאָך אירע פאַרלוירענע קינדער.

פון עולם

מיר זאָלן זיך אַלע אומקערן קיין ציון?

משולח

צוריק אַהיים.

אַן אַלטער ייד

רבונו דעלמא כולא, איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט געלאָזן מיך צו דער־לעבן דאָס. יידן, עס איז משיחס צייטן.

יידן

משיח־צייטן! — מיר גייען קיין ירושלים! — אַהיים קיין ציון. ימות המשיח!

משולח

גענוג זיך אַרומגעוואָלגערט אין דער פרעמד. וואָס זאָגט איר, ר׳ חלפתא?

חלפתא

(מיט אַ פאַרקלערטן שמייכל) דאָס איז ירושלים, די הייליקע שטאָט?

משולח

ירושלים, די הייליקע ירושלים.

חלפתא

(שאָקלט זיך) מאַמע מיינע געטרייע, וואָס פאַר אַ טייערע שטאָט. אמת, זי ליגט אין גויאישע הענט?

משולח

דערווייל.

חלפתא

מען דאַרף זי אָפנעמען פון די גוים. עס איז אונדזער שטאָט. און ציון, און הר הצופים, און הר גריזים, דעם הר הלבנון, און דעם הייליקן טייך

ירדן. (ער רעדט צו זיך אַליין מיט דעם קאָפּ איינגעבויגן ווי אַ בלינ־דער) עס איז גוט ירושלים. תתגדל, וועסט געגרויסט ווערן, ותתקדש, און וועסט געהייליקט ווערן, בתוך אין ירושלים, איינער האָט געהייסן ירושלים, עירך, דיין שטאָט. עס ווערט גוט אויפן האַרצן — הערט, אין דעם ירושלים זיינען פאַראַן יידן?

משולח

פאַראַן, נאָר ווייניק.

חלפתא

איך פאַרשטיי, עס וועלן זיין יידן. עס וועלן זיין נייע יידן, ווי יעקב אבינו, ווי משה רבנו, ווי דוד המלך, ווי שמעון (דערמאָנט זיך אַן חדר, זאָגט מיט אַ ניגון): שמעון ולוי אחים, שמעון ולוי זיינען געווען ברי־דער — מיט אַ מלוכה אַן אייגענער, גאָר אַ נייער סאָרט יידן.

משולח

אַ פאָלק מיט לייטן גלייך.

חלפתא

גוט, גוט — גאָר גוט — און וואָס טוט מען מיט מיינע יידן? מיינע אָרעמע יידישע יידן. זיי זיינען גלאָט יידן אָן חכמות. וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין האַרץ גייט מיר אויס נאָך מיינע יידישע יידן. האָבן זיי ניט קיין לאַנד. וואו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז האָבן אַ לאַנד? אַי די גויים האָבן, דערויף זיינען מיר דאָך עפּעס יידן.

ייד

און וואָס איז מכוח די מאַטערנישן און צרות וואָס מיר ליידן?

חלפתא

(אין כעס) וואָס פאַר אַ מיוחסים זייט איר עס? ווען האָבן עס יידן ניט געליטן? אַזוי ליידט מען, אַזוי לעבט מען. (פּויזע) גייט מיט מזל אויב איר ווילט גיין, איך בלייב דאָ מיט מיינע יידן. (ווידער קלאַפּט מען אין טיר־ גיי עפן אסתרקע, עס איז ניט קיין שונא. אַ שונא קלאַפּט אַנדערש. (אסתר מאַכט אויף די טיר און קאַטי פאַלט אריין אין אָטעם).

אסתר

קאַטי!

קאַטי

יידעלעך טייערע, איך בין געלאָפן אייך וואָרענען, געוואַלט, ראַטעוועט

זיך! עס איז שרעקלעך, שרעקלעך! ראַטעוועט זיך אַזוי גיך ווי מעג־לעך.

חלפתא

וואָס איז געשען?

קאַטי

איך וויל זיי ניט קענען מער. זיי זיינען רשעים, מיין ברודער מיט זיינע מחבלים, זיי זיינען מערדערס.

חלפתא

זאָג שוין וואָס.

קאַטי

זיי האָבן באַשלאָסן צו לאָזן פריי דאָס ווילדע פאָלק דעם פערצנטן פון דעם חודש, ווי איז מיר! זיי זאָלן אויסקוילען אַלע יידן. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?

חלפתא

פונוואַנען ווייסטו?

קאַטי

איך האָב עס געהערט פון זיין אייגן מויל.

חלפתא

יידן, עס איז אַ שלעכטע בשורה. עס איז אַפילו ניטאָ קיין צייט צו אַנטלויפן. וואָס זאָגט איר, משולח?

משולח

מען מוז גאָט בעטן.

קאַטי

בעטן, וועמען? אָט די מחבלים? זיי זיינען אַליין אויף צרות און ווילן זיך ראַטעווען מיט די יידישע צרות.

חלפתא

מוז מען וואַרטן — וואַרטן און טאָן — טאָן תפילה.

די יידן

זאָל מען גוזר תענית זיין?

אַנדרעע

ווער זאָל עס גוזר זיין?

חלפתא

זאָל אסתר גוזר תענית זיין. זיי גוזר, אסתר. (עס ווערט שטיל). (פויזע. אַלע וואַרטן אויף אַ וואָרט פון איר).

אסתר

איך בין גוזר, אַז אין דעם דרייצנטן טאָג פון דעם חודש זאָלן אַלע ייִדן און ייִדענעס איבער דרייצן יאָר אַלט פאַסטן פון אינדעפרי ביז נאָכדעם ווי די זון גייט אונטער.

חלפתא

קאַטי — דו גיי צוריק צו דיין ברודער.

קאַטי

איך וויל זיך צו זיי מער ניט אומקערן.

חלפתא

דו מוזט.

קאַטי

אַט גיי איך שוין. (זי גייט אַרויס).

חלפתא

ייִנגל, וואו ביסטו מיט מיין ליערוועַ?

ייִנגל

אַט בין איך, חלפתא.

חלפתא

קום... (זיי גייען ביידע אַרויס. עס ווערט פינצטער. עס הערט זיך קלאַפּן אין דער טיר און אַ קול: מאַכט אויף, איר פאַרדאַמטע ייִדן).

(די סצענע האָט זיך געביטן. עס איז דער וועג הינטער דער שטאָט. לינקס, כמעט אינגאַנצן פאַרנט, שטייען עטלעכע שטאַרקע ביימער. אויף יעדן בוים איז פאַראַן אַ תליה אָדער צוויי. אינאיינעם זעט מען אויף די ביימער פינף תליות הענגען. אַלע אין איין ריי. **צוויי טייטשן,** איינער אַ פעטער און אַ קורצער, און איינער אַ לאַנגער און אַ דאַרער, קומען און פירן צווישן זיך **שוראַך פון באַלדאַך** אויף אַ שווערער קייט, מיט אַ גיטאַר אריבערגעהאַנגען איבער דער פּלייצע).

דער מאָגערער

ווי זאָגסטו, הייסטו!?

באַלדאַך

שוראַך פון באַלדאַך.

דער פעטער

פון בלאַדאַך?

באַלדאַף

יאָ. פון באַלדאַף, טאָ איז וואָס ?

פעטער

(שיסט אַרויס אַ געלעכטער און קען זיך ניט איינהאַלטן).

מאַגערער

(ווייזט מיטן פינגער אויפן שטערן) משוגע...

באַלדאַף

ניט אַנדערש.

מאַגערער

וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט ?

פעטער

(נאָך אַלץ לאַכנדיק) עס איז מיר איינגעפאַלן אַ לידל,
באַלדאַכין, דו ווייסט דאָך אַ באַלדאַכין, וואָס איבערן קאָפּ ?
טאָ גייט דאָס לידל: באַלדאַכין, באַלדאהער
ניט אַהין און ניט אַהער.
(לאַכט) ווייל ער — ווייל ער (אַ באַוועגונג איבערן האַלדז)
באַלדאַף הער און באַלדאַף הין,
גייסטו באַלד אַוועק אַהין. (לאַכט).

מאַגערער

מעגסט זיך שעמען. דאַרפסט אים נאָך זאַלצן די וואונדן.

פעטער

דאַרפסט ניט האָבן פּאַראַיבל. ווען מען זאָל ניט אַמאָל אַ לאַך טאָן ביי דער פּראָפעסיע, וואָלט מען דאָך... (לאַכט).

מאַגערער

(שמייכלט אויך אַ ביסל) דו מיט דיינע שטיק.

פעטער

אָט דאָ זיינען מיר שוין ביי די תליות. אופּ־האָ! — (ווישט זיך דעם דעם שווייס.)

באַלדאַף

(צעוויינט זיך אויף אַ קול).

פעטער

וואָס וויינסטו, נאַר איינער ?

באַלדאַף

וואָס דען זאָל איך, ניט וויינען ?

מאַגערער

דיר איז גרינג צו ריידן. דאָס גליק וואָס שטייט אים פּאַר.

פּעטער

(היצט זיך) און איך זאָג דיר, אַז עס שוין גאָר אַ גליק. שטעל דיר פּאַר, ווען מען שטעלט אים אַוועק ביים ווענטל. נו, וואָס וועסטו איצ־טער זאָגן?

באַלדאַף

אַ שיין גליק. אויף אַלע מיינע שונאים, מ׳שטיינס געזאָגט. די בושה, און היינט דער וויטיק.

פּעטער

וואָס טויגן די טענות? דו קריך נאָר אַרויף און זע צי די צוויגן זיינען שטאַרק גענוג. ער איז, קיין עין הרע, אַ שווערער בחור, און ביי מיר געהאַנגען איז געהאַנגען.

מאַגערער

(דראַפּעט זיך אַרויף, ער איז שוין צווישן די צווייגן).

פּעטער

(שרייט אַרויף) נו, וואָס הערט זיך?

מאַגערער

עס וועט גיין אַ גאַנג.

פּעטער

נו, קום אַרונטער, די צייט שטייט ניט. (בשעת דער מאַגערער קריכט אַרונטער) פאַרוואָס האָט מען דיר דאָס געגעבן הענגען, יונגערמאַן?

באַלדאַף

פּאַר אַ ביאָלאָגישע זינד.

פּעטער

איך ווייס. דאָס איז וועגן סטרייקס. נו, ווער האָט דיר געהייסן זיין אַ נאַר?

באַלדאַף

איך מיין ראַסן־שענדונג.

פּעטער

אַ, דו האָסט דערציילט פּרעמדע צייטונגסלייט.

באַלדאַף

(אומגעדולדיק) דאָס איז ניט ראַסן־שענדונג.

פעטער

דו ווילסט מיר דערציילן? דו האָב בעסער דרך־ארץ. דו ווייסט ווער איך בין? איך בין דאָס דער תליה־פירער, ניט ער. (דער מאַגערער קוקט אַרונטער) אַלץ ווייסט ער, מיינט ער. מיר האָבן שוין געזען אַזוינע חכמים.

מאַגערער

כסדר נאָר דו האָסט אַרגומענטן. לאָמיר בעסער אָנגיין מיט דער אַרבעט.

פעטער

איצט קום אַהער, יונגערמאַן, — עס טוט מיר זייער לייד, אָבער פליכט איז פליכט.

באַלדאַף

(אין אַ פּאַזע) איך גיי, ווייל דאָס איז מיין פליכט. דער עלטסטער האָט געהייסן, גיי איך.

פעטער

דער עלטסטער אַליין? טיאַ, טיאַ, אַזאַ כבוד!

באַלדאַף

אָבער איך פּראָטעסטיר.

פעטער

דו ביסט ניט דער איינציקער, אַלע פּראָטעסטירן. נו, דערלאַנג שוין אַהער דעם קאָפּ. (זיי פאַרוואַרפן דעם שטריק און ציען אים אַרויף) עה — עה — אַ שווערער בחור.

באַלדאַף

(וואַרפט אַ קוש אין די לופטן) לעבע וואָל מיין אסתר, איך שטאַרב פאַר דיר.

פעטער

הויך גענוג, אָדער ווילסטו העכער?

באַלדאַף

דאָס איז הויך גענוג. אַ דאַנק.

פעטער

פאַרבינד. (דער מאַגערער פאַרבינדט דעם שטריק און ביידע קוקן אַרויף אויף זייער שטיק אַרבעט) נישקשה.

מאַגערער

האָסטו עפּעס אָנצוזאָגן? אפשר אַ לעצט וואָרט?

באַלדראַך

(מיט גדלות) איך האָב געזאָגט מיין לעצט וואָרט.

מאַגערער

נו, מילא, ווי דו פאַרשטייסט.

פּעטער

מיר גייען שוין אַוועק. הער זשע, מאַך ניט קיין פוילע שטיק. געדענק, ווען מיר קומען צוריק אַהער, מוזטו שוין זיין פולשטענדיק טויט.

(גייען אַוועק)

באַלדראַך

עס שטייט מיר ניט אָן דיר אפילו צו ענטפערן.

אַ, וואָס פאַר אַ ווייטיק! וואָס פאַר אַ ווייטיק! (זינגט)

1

עס איז מיר אַ ווייטיק, וואָס איך הענג דאָ אַ געהאָנגענער.
אַ ווייטיק איז מיר, וואָס איך הענג דאָ איינער אַליין,
אַ ווייטיק איז מיר, וואָס איך הענג דאָ איינער אַליין.
ניט וואָס איך בין שרעקעדיק און האָב מורא אין דער פינצטער,
נאָר, וואָס איך קען ניט ליגן און ניט זיצן און ניט שטיין.

איר זעט דאָך אַלע אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך בין, אַז ווי איז צו מיר. ווי קען איך ליגן, אַז איך הענג גאָר.

2

ס'איז ניט אַזוי דער ווייטיק, ווי די גרויסע שאַנדע
צו מאַכן מיט די פיס און ניט קענען מיט זיי גיין,
צו מאַכן מיט די פיס און ניט קענען מיט זיי גיין.
ניט וואָס איך בין שעמעוודיק און באַהאַלט זיך פאַר מענטשן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן ,ניט זיצן און ניט שטיין.
ניט וואָס איך בין שעמעוודיק און באַהאַלט זיך פאַר מענטשן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.

היינטיקע צייטן קען מען זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, ניטאָ קיין אמתע פריינט, אויסגעשטאָרבן.

3

מיינע חברים האָבן מיך פאַרלאָזן,
זיי האָבן מיך פאַרקויפט כאַטש געטריי בין איך געווען,
זיי האָבן מיך פאַרקויפט כאַטש געטריי בין איך געווען.
ס'איז ניט אַזוי דער ווייטיק וואָס זיי האָבן מיך פאַרראַטן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.
ס'איז ניט אַזוי דער ווייטיק וואָס זיי האָבן מיך פאַרראַטן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.

מענטשן דאַרפן זיך פון מיר אַרויסנעמען אַ משל: אַט דאָס ווערט פון אַ בחור, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט ליבעס.

4

אַ ליובע אַ טרויעריקע האָט דאָך מיך באַגראָבן,
באַגראָבן בין איך זייט איך האָב די יידישקע דערקענט,
באַגראָבן בין איך זייט איך האָב די יידישקע דערקענט.
ס'איז ניט אַזוי דער ווייטיק וואָס איך האָב זי ניט געקראָגן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.
ס'איז ניט אַזוי דער ווייטיק וואָס איך האָב זי ניט געקראָגן,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.

אַזאַ יונגער בוים, און שוין הענג איך אויף דער תליה, פאַרוואָס פרעג איך, פאַרוואָס?

5

ווי פינצטער איז מיין דאָליע! צי וועל איך נאָך דערלעבן,
צו זען מיינע שונאים צו דער תליה גיין.
צו זען מיינע שונאים צו דער תליה גיין.
ניט וואָס ס'איז מיר אומעטיק צו הענגען דאָ אַן איינציגער,
נאָר וואָס איך קען ניט ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.
(לעצטע פערז ווידערהאָלונג).

6

מסתמא וועל איך שטאַרבן, אַזוי איז שוין דער שטייגער,
אַ געהאַנגענעם האָט לעבעדיק נאָך קיינער ניט געזען,

אַ געהאַנגענעם האָט לעבעדיק נאָך קיינער ניט געזען.
איך קען נאָר ניט באַגרייפן, פאַרוואָס אַ געהאַנגענער
זאָל ניט קענען ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין;
איך קען נאָר ניט באַגרייפן, פאַרוואָס אַ געהאַנגענער
זאָל ניט קענען ליגן, ניט זיצן און ניט שטיין.
(ער ווערט אַנטשלאָפן און שנאָרכצט גאַנץ געשמאַק).

(די סצענע בייט זיך)

(עס איז אין פעלד בשעת דער מלחמה. **דער עלטסטער** שטייט ביים שרייב־טיש און הערט זיך גאַרניט איין וואָס זיין שוועסטער קאַטי זאָגט אים). (אַ טייטש שטייט ביי דער טיר).

קאַטי

אדעשע, קרוין, טאַטעלע, האָב רחמנות.

עלטסטער

(נאָך אַ פויזע) **וואו זיינען זיי? איך מוז וויסן וואָס עס טוט זיך! הער נאָר דו, וואַכמאַן, אַזוי גיסטו אַכטונג אויף דיין אַרבעט? מיט אַ שטונדע צוריק האָב איך געזאָגט, אַז איך מוז האָבן רעפּאָרטן פון פעלד.**

טייטש

אדוני עלטסטער, אַז איך האָב פאַרלאַנגט, מען האָט נאָך ניט געבראַכט.

עלטסטער

(אויף אַ קול) **רעפּאָרטן זאָלן ווערן!** (טייטש גייט אַרויס, דער עלטסטער רעדט צו קאַטין) **דו פאַרשטייסט ניט וואָס דאָ טוט זיך.** (נעמט זי צו דער לאַנדקאַרטע) **זעסט, אָט האָסטו דאָ איז וועסט, פון דאַנען קענען קומען די פראַנקען, איז דאָך שוין געענוג. קענען פון דאַנען קומען די רוסן — און דאָ הינטן זיינען אויך פאַראַן שונאים. האָב איך געזאָגט, אַז אויב מיר מאַרשירן אין מערב וועט מען אונדז אַטאַקירן אין מערב, אין מזרח, מיין איך.**

קאַטי

דו ביסט אוודאי גערעכט, אָבער איך פאַרשטיי ניט אַ וואָרט.

עלטסטער

(ווערט שטאַרק נערוועז) **גאָט פאַרדאַמט! צו וועמען זאָל איך ריידן, אַז איך האָב ניט צו וועמען צו ריידן.** (צעשרייט זיך) **וואו זיינען מיינע**

מיניסטאָרן!? מיינע מיניסטאָרן זאָלן קומען! מיינע יעדנעראַלן, מיינע אַרמייען!

(דער שפּילער קומט אַריין אין אַטעם).

שפּילער

העע — הע — וואו די שטאָט האָט אַן עק, — ניטאָ קיין מיניסטער פאַר אַ רענדל.

עלטסטער

איך וועל זיך אין זיי נוקם זיין! איך וועל זיי אַלעמען אויסריייניקן! (רעדט צום שפּילער) איך האָב אים געוואָלט דערקלערן, אָבער... (קלאַפּט זיך אין שטערן) אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ! זעסט, (ביי דער מאַפּע) האָב איך געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן מאַרשירן אין מזרח, וועט מען אונדז אַטאַקירן אין מערב. זיי מוזן שוין אָנהייבן קומען פון מערב. ניין, פאַרקערט, אָבער עס מאַכט ניט אויס, עס איז אַלץ דיזעלביקע זאַך. האָט מען מיך ניט געפאָלגט. יעדנעראַלן מיינען דאָך, אַז זיי ווייסן בעסער פון יעדן איינעם. — פאַרשטייסט? — האָב איך געזאָגט מען זאָל אַטאַקירן אַרום און אַרום (ווערט באַגייסטערט) מיט איין מעכטיקן קלאַפּ — אַ זעץ אַרום און אַרום און צעשמעטערן דעם שונא, איידער ער האָט צייט זיך אַרומצוזען.

שפּילער

יע, אדוני עלטסטער, עס זיינען שוין ניט די צייטן, אָבער דער שונא האָט זיך דאָך געלאָזט אויף אונדז איידער מיר האָבן זיך געהאַט צייט אַרומצוזען.

עלטסטער

(ווערט אין כעס) עס איז אַן אומרעכט! זיי האָבן ניט קיין רעכט אונדז צו אַטאַקירן אָן אַ קריגס־דערקלערונג! איך וועל פּראָטעסטירן!

שפּילער

יע, אָבער דערווייל...

עלטסטער

(אין כעס) דו דערצייל מיר ניט קיין דערווייל. מיינע מיניסטאָרן זאָלן מיר ווערן, מיינע מיניסטאָרן!

שפּילער

אָט לויף איך זיי זוכן. (שפּילער לויפט אַרויס).

עלטסטער

ברענג מיר נייס פון די פראָנטן. ווער איז דאָ דער עלטסטער, וויל איך וויסן!? ווער איז דער עלטסטער!?

קאַטי

דו, דו, ברודער מיינער. נאָר איך וועל דיך בעטן איין זאַך: לאָז ניט אַרויס די גזרה קעגן די יידן.

עלטסטער

פאַרוואָס ניט?

קאַטי

האָב רחמנות, אַזויפיל אומשולדיקע מענטשן.

עלטסטער

(פאַלט אַריין אין פּאַטאָס) זיי זיינען אונדזערע שונאים! זיי זיינען קינדער פון טייוול. איך וועל זיי פאַרניכטן!

קאַטי

איז דאָס דיין לעצט וואָרט?

עלטסטער

איך וועל זיי פאַרניכטן!

קאַטי

אויב אַזוי, האָב איך דאָ גאָרניט וואָס צו טאָן.

עלטסטער

(דערשראָקן) וואו גייסטו?

קאַטי

צו מיינע פריינט. איך וועל שטאַרבן מיט זיי אינאיינעם.

עלטסטער

דו, מיין איינציקע שוועסטער, מיין איינציקער פריינט, ווילסט מיך אויך פאַרלאָזן. אַלע פאַרלאָזן מיך און דו אויך.

קאַטי

אַ שיינער פריינט ביסטו, אַז אַפילו אַזאַ קלייניקייט, קען איך פון דיר ניט קריגן.

עלטסטער

(ווײנט כמעט) אַז דו פאַרשטייסט ניט. איך וויל מיך ראַטעווען. אַלע זיינען קעגן מיר, שונאים אַרום און אַרום, און די יידן זיינען דאָס איינציקע מיטל צו האַלטן דאָס פאָלק פאַר זיך.

קאַטי

אויב אַזוי, גיי איך.

עלטסטער

קאַטי, טייערינקע, גיי ניט, גיי ניט פון מיר. לאָז מיך ניט אַליין. איך וועל דיר אַלץ צוליב טאָן.

קאַטי

געדענק זשע.

עלטסטער

איך געדענק, איך געדענק. (שפּילער קומט אַריין).

שפּילער

געפונען, געפונען דעם הויפּט — הויפּט־קאַנקער.

עלטסטער

(שפּרינגט אויף פאַר שמחה) מיר זיינען געראַטעוועט! מיינע מיניס־טאָרן! — וואו איז ער?

שפּילער

עס איז אים שווער צו לויפן. ער איז אַליין אַזוי שווער. (הויפּט־קנאַ־קער קומט אַריין).

עלטסטער

(כאַפּט אים אַרום) פּריינט! מיין איינציקער פריינט! האָסט מיר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. נו, דערצייל.

קנאַקער

ווי קען איך.

עלטסטער

אַלע אַרויס! און קיינער זאָל זיך ניט אונטערהערן, איך וועל שיסן דורך טירן. (אַלע גייען אַרויס, נאָר עלטסטער און קנאַקער בלייבן) וואָס טוט זיך ביי די פראָנטן?

קנאַקער

עס איז שלעכט, ביטער ווי גאַל. דער שונא מאַרשירט פון אַלע זייטן מיט טאַנקען, טאַנקען, טאַנקען, אַז די ערד ציטערט הינטער זיי, און דער הימל איז שוואַרץ מיט עראָפּלאַנען.

עלטסטער

וואָס הערט זיך מיט אונדזערע טאַנקען?

קנאַקער

אויך מיר טאַנקען. זיי האָבן פופציק צו איינעם פון אונדזערע.

עלטסטער

די פאַרדאַמטע יעדנעראַלן. איך וועל זיי נאָך ווייזן! און וואָס טוט דאָס פאָלק?

קנאַקער

דאָס וואָלסטו באַדאַרפט פרעגן דעם הויפּט־ריידער.

עלטסטער

איך קען אים ניט אַריבערטראָגן. עס גייט אים ניט אַרויס אַן אמת וואָרט פון מויל. וואָס ווייסטו וועגן פאָלק?

קנאַקער

עס איז צרות. זיי ווייסן נאָך ניט אַלץ, אָבער ווען זיי וועלן זיך דער־וויסן, וועט זיין צרות. פרעג שוין גאָרניט.

עלטסטער

מען דאַרף דעם פאָלק איבערגעבן די לעצטע יידן.

קנאַקער

די חתונה איז שוין צוגעגרייט.

עלטסטער

און עראָפּלאַנען?

קנאַקער

זיי פאַרפינצטערן דעם הימל, אַזויפיל האָבן זיי.

עלטסטער

וואָס זשע וועלן מיר טאָן? — און גאָזן?

קנאַקער

אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. ווייל בשעת מיר זיצן דאָ און ריידן, פליען שוין אונדזערע עראָפּלאַנטשיקלעך שטילערהייט אַריבער דעם גרעניץ, ניט קיין סך, אַ גאַנצן טוצן עראָפּלאַנטשיקלעך. ווען זיי וועלן קומען איבער דעם שונאס גרעסטע שטעט, וועלן זיי אַראָפּלאָזן זייערע באָניעס, און די גאַנצע שטאָט וועט אויסשטאַרבן ווי די מייז, און די זעלביקע גאָזן וועלן ניט בלייבן אין שטאָט, זיי וועלן זיך קאַטשען ווייטער, און די ווינטן וועלן זיי טרייבן אין די שטעטלעך און אין די דערפער, און וואו זיי וועלן קומען וועט שוין מער קיין גראָז ניט וואַקסן. און טאָמער וועלן אונדזערע שונאים דערקענען אונדזערע עראָפּלאַנען און זיי אַרונטערשיסן, איז אויך גוט געגנוג, פאַר די גאָזן איז עס דיזעלבע זאַך. זאָלן זיי אַרונטערשיסן, פאַרוואָס ניט? כאַ־כאַ־כאַ! (ער צעלאַכט זיך היסטעריש).

עלטסטער

(צעלאַכט זיך אויך. קלאַפּט דעם קנאַקער אין פּליצע.ביידע לאַכן און קענען זיך ניט איינהאַלטן. עס קומען אַריין **קאַטי**, דער **שפּילער** און דער **טייטש**. דער **עלטסטער** ווייזט אַלעמען אויף דער טיר אויף אַרויסגיין. מיט דער צייט ברענגט דאָס געלעכטער אויך אַנדערע פון לאַגער, ווייל קיינער איז ניט געוואוינט צו הערן דעם עלטסטן לאַכן. אַלע ווערן אַרויס־געשיקט. עס הערט זיך פון דרויסן דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק. די לאַכערס הערן זיך איין. ווען דאָס פּויקן האָט אויפגעהערט, הערט זיך דאָס קול פון אַן **אויסרופער** „מען איז מודיע אַלע גוטע טייטשן איבער דער גאַנצער מדינה, אַז די אויבערשטע קאָמאַנדע פון לאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַ גזרה, לויט וועלכער אַלע גוטע בירגער און אונטערטאַנען דאַרפן דעם חודש, דעם פּערצקטן, באַפאַלן אַלע יידן און זיי פאַרניכטן. זייער פאַרמעגן איז הפקר״. פון דרויסן הערט זיך געשרייען הוראַ! הוראַ! הוראַ! ((קאַטי לויפט אַריין).

קאַטי

דו ביסט אַ מערדער! אַ ליגנער! אַ מעדער! אַ מערדער! (זי צעוויינט זיך און לויפט אַרויס.. דער עולם שרייט נאָך אַלץ „הוראַ!״).

עלטסטער

זאָל זי גיין. אַליין וועל איך בלייבן, אַליין! דער מעכטיקסטער מענטש אין דער וועלט! (שרייט) ציטערט! ציטערט! עס שפּרייזט איבער דער וועלט דער מעכטיקסטער מענטש פון אַלע צייטן!

קנאַקער

(דער שראַקן) **עס איז אמת, דו ביסט דער גרעסטער, דער מעכטיקסטער, און איך בין דיין דינער.**

עלטסטער

אַרעסטיר אַלע יעדנעראַלן. עס איז נאָר דאָ איין יעדנעראַל, דאָס בין איך, איך!

(פּלוצים דערהערט זיך פונדערווייטנס דאָס דונערן פון אויפרייסן און דאָס יאָמערלעכע אנגסט־געשריי פון אַ גרויסער מאַסע מענטשן, וואָס קאַטשען זיך אַלע נענטער און נענטער ווי אַ פאַרצווייפלונג).

עלטסטער

אַ פאַרפלייצונג! (דער געשריי קומט אַלץ נענטער).

קנאַקער

עפּעס איז געשען!

עלטסטער

וואָס האָט געקענט געשען ?

קנאַקער

(כאַפּט זיך) די עראָפּלאַנען ! — אָה גאָט ! שרעקלעך !

עלטסטער

וואָס איז ?

קנאַקער

די עראָפּלאַנען ! (לויפט אַרויס).

שפּילער

(לויפט אַריין) געוואַלט ! ראַטעוועט ! ראַטעוועט זיך !

עלטסטער

וואָס איז ?

שפּילער

גאַז — גאַז — טויט פון גאַז — (לויפט אַרויס).

קנאַקער

(לויפט צוריק אַריין) ראַטעווע זיך. (ער כאַפּט וואָס ער געפינט פון וועדט־זאַכן און שטאָפּט אין די קעשענעס).

עלטסטער

עראָפּלאַנען ?

קנאַקער

די שונאים האָבן זיי אַרונטערגעשאָסן איבער אונדזערע שטעט. ווי אַ כוואַליע קומען זיי, גאַז און מענטשן, קום גיכער, מיין עראָפּלאַן וועט אונדזביידן אַוועקטראָגן פון דאַנען.

עלטסטער

(ציטערט) ווי אַזוי וועלן מיר פליען ?

קנאַקער

פרעג ניט קיין קשיות. (לויפט אַרויס).

עלטסטער

(צעגערט אַ ביסל, לאָזט זיך אויך לויפן. עס קומט אָן אַן אָפּטייל סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר).

דער אָפיציר

(שטופּט דעם עלטסטן צוריק) וואַרט אַ ווײַלע, וואוהין גייסטו ? איך דאַרף דיך האָבן, דו שטרויענע פורצע.

עלטסטער

אַז איך בין ניט שולדיק, איך האָב עס ניט געטאָן, עס איז געווען דעם קנאַקערס פּלאַן. איך האָב פון גאָרניט געוואוסט.

אַפּיציר

וועגן דעם וועלן מיר שוין שפּעטער ריידן. נעמט אים חברה. (דאָס שרייען האָט אויפגעהערט אין דרויסן).

עלטסטער

וואָס ווילט איר מיר טאָן ?

אַפּיציר

דאַרפסט קיין מורא ניט האָבן, מען וועט דיר טאָן דיין רעכט, לויט די בעסטע געזעצן. (אַ סאָלדאַט קומט).

דער סאָלדאַט

(סאַלוטירט) איך וויל אייך באַריכטן, אַז דער ווינט האָט זיך איבער־געטראָגן און האָט אַרויסגעטראָגן די גאַזן צום ים. אָבער די צאָל טויטע איז שרעקלעך גרויס.

עלטסטער

מעגט איר דאָך שוין מיך לאָזן. איך גיב אייך אָפּ די גאַנצע מאַכט, נאָר לאָזט מיך אַוועק פון דאַנען.

אַפּיציר

דו וועסט שוין שפּעטער ריידן. פירט אים אַוועק און באַהאַלט אים אויף אַ זיכערן פּלאַץ. (די סאָלדאַטן שלעפן דעם עלטסטן אין קייטן און פירן אים אַרויס).

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

פערטער אַקט

(די סצענע איז די געריכט־שטוב, וואו מען דאַרף משפטן דעם עלטסטן. רעכטס, אין מיטן, זיצט אויף זייער אַ הויכן פּאַדיום דער **הויפּט־ריכטער**, פון ביידע זייטן, נידעריקער פון אים, זיצן די **איבעריקע ריכ־טערס**. די זיינען אָפיצירן פון פאַרשיידענע פעלקער, קעגן וועמען דער עלטסטער האָט געזינדיקט. אין פראָנט פון פאַדיום זיצן אויף רעכטס **ר׳ מרדכי ווײַנשטיין**, דער אַדוואָקאַט, און **אסתר**, זיין סעקרעטאַרשע; פון לינקס זיצט אַ **גלח**, וועלכער איז דער פּראָקוראָר. דער אַריינגאַנג איז פון לינקס אין פראָנט און צעטיילט די רייעס בענק אויף וועלכע עס זיצט אויסגעזעצט דאָס **פאָלק**. אַ שוואַך ליכט קומט פון הינטן.. פון אויבן ליגט אויף דער גאַנצער סצענע אַ שווערע פינצטערע לײדיקײט. די קולות קלינגען אַף הויל און ליידיק. ביי דער טיר לינקס שטייט אַ **וועכטער**).

דער וועכטער

(בלאָזט אין אַ טראָמפּייט)

דאָס פאָלק

ווער קומט דאָס איצט? דאָס איז ער? — וואו? — וואו? —

וועכטער

די דעלעגאַציע פון דעם גרויסן און ווירדיקן לאַנד, גערמאַניע! ס׳קומען אַריין **דריי טייטשן**, איינער אַ **דיקער**, אַ באַברילטער, גייט פון פאָרנט און הינטער אים גייען צוויי **מאָגערע** מיט גרויסע פּאָרטפעלן הינטער די אָרעמס. זיי קומען אַריין מיליטעריש, בלייבן שטיין פאַר דעם **הויפּט־ריכטער** און פאַרנייגן זיך).

הויפּט־ריכטער

(שטייט אויף און פאַרנייגט זיך) **איר האָט דאָס וואָרט.**

פעטער טייטש

(הוסט זיך אויס, עס פעלט אים דאָס ערשטע וואָרט).

אַרויסהעלפער

(שעפּטשעט צו איִם) ווירדיקע שכנים!

פּעטער טײַטש

ווירדיקע שכנים פון אונדזער גרויס און דערהויבענעם פאָלק, וואָס האָט, אײַיגנטלעך, ניט געוואָלט קיין מלחמה, ווי עס איז שוין פריער באַוויזן געוואָרן, כאָטש אונדזערע אינעווייניקסטע שונאים און פאַר־פירערס — איך באַטאָן נאָכאַמאָל, פאַרפירערס — האָבן פאַרזיכערט אונדזערע נאָבעלע שכנים און פריינט, אַז אונדזער פרידלעך און גע־מיטלעך פאָלק שטייט ווי איין מאַן הינטער די פּלייצעס פון די פאַלשע פירערס און שטימען איין טאַקע מיט דיזעלביקע פירער — פאַרפירערס, מיין איך — וועלכע ווילן דווקא מלחמה, ניט נאָר מיט שכנים, נאָר אָפילו מיט ווייטע, גאָר ווייטע לענדער, וואו די וועלט האָט אַן עק. באַסטאַ! זאָגן מיר, די איצטיקע ערליכע רעגירער פון לאַנד (פאַר־נייגט זיך), אַז דאָס איז פאַלש, גרונט פאַלש! ווען מיר דאָס אָפן דערקלערן, אָפן און פריי, מיט שטאָלץ און מוט, מיט ווירדע און ערע, אַז אונדזער גרויס און פרידלעך פאָלק האָט בשום אופן ניט געהאָט צו טאָן מיט די פינצטערע פּלענער.

הויפּט־ריכטער

(האַקט איִם איבער די רייד) אַנטשולדיקט. מיט איין וואָרט, איר ווילט זאָגן, אַז איר זייט ניט שולדיק אין דער מלחמה?

טײַטש

ניין, און טויזנט מאָל ניין! מיר שליידערן צוריק אַזאַ מין באַשולדי־קונג.

הויפּט־ריכטער

דאַרף מען דאָס אַזוי לאַנג ריידן, קיין שום פאָלק וויל ניט קיין מלחמה.

פּראָקוראָר

וואָס הערט זיך מיט פּאָגראָמען?

הויפּט־ריכטער

די אונטערברעכונג איז ניט אין פּלאַץ.
מיר משפּטן דאָס מלחמה בלויז.

פּראָקוראָר

מלחמות קומען ניט באַזונדער, די רציחה
מיט וואָס מען מאַכט פּאָגראָמען, מאַכט מען אויך מלחמות.

ניט מער, פּאַגראָמען זיינען רציחות פון אַ מאַסע
אויף אַ שוואַכן מיעוט.

ר׳ מרדכי

אויב עס האַנדלט זיך וועגן די פּאָגראָמען,
דאַרף מען אַנדער צד זיך גאָר באַקלאָגן,
יענער צד איז צוגעוואוינט שוין צו דעם סאָרט קריג,
מ׳לעבט ניט מיט שכנים אַ טויזנט יאָר פאַר גאָרניט.
אַט היינט שוין איז יענער צד זיי מוחל און זאָגט:
זאָל דער עבר פאַרגעסן ווערן.

פּראָקוראָר

איך רייד ניט דאָ פאַר די באַשעדיקטע,
אַט יענער טייל פון פאָלק אַליין וויל פּראָטעסטירן,
אַט יענער טייל, וואָס גייט אין טראָט מיט גאָר דער וועלט,
און וויל ניט צוריקגעשליידערט ווערן אין נאַכט
פון אומגעהויבלטע באַרבאַרן־מערדער.

טייטש

אָבער מיר טרייסלען זיך אָפּ פון זיי.

הויפּט־ריכטער

פאַרגעס נאָר ניט, איך בעט אייך, אַז מיר
זיצן דאָ ניט צו משפטן אַ פאָלק,
דעם פאָלקס פאַרפירערס שטייען פאַר געריכט.

דאָס פאָלק

מיר פּראָטעסטירן, ניט מיר זיינען שולדיק! זוכט די שולדיקע.

ר׳ מרדכי

גערעכט איז פאָלק, מיר זוכן ערשט דעם שולדיקן,
און זיין שולד מוז באַוויזן ווערן מיט עדות,
מיט עדות, וואָס אָן שום ספק זיינען זיי באַגלייבט.

אסתר

אָ... (פאַלט אַוועק אין חלשות. עס ווערט אַ טומל).

הויפּט־ריכטער

וואָס איז געשען? רופט אַ דאָקטער.

ר׳ מרדכי

שטאַרק זיך, קינד מיינס.

פּראָקוראָר

אַט האָט איר עדות און באַגלייביקע.
ווען זיי וואָלטן נאָר גערעדט.

ר׳ מרדכי

עס איז גאָרניט, בלויז די היץ.
שטאַרק זיך שנעל, מיין קינד.
(אסתר טרינקט פון וואַסער און באַרואיקט זיך)

הויפּט־ריכטער

די ווירדיקע שלוחים וויל איך זאָגן,
מיר נעמען אָן אייערע טענות,
וואָס דער משפּט זאָל שפּעטער ניט זיין.

טייטש

אין נאָמען פון מיין גרויס פאָלק דאַנקען מיר אייך פאַר אייער גרויס־מוט און אָפנהאַרציקייט. מיר וועלן זיך איצט צוריקציען. (מיט מיליטערישן קנאַק גייען די דריי טייטשן אַרויס).

הויפּט־ריכטער

ווירדיקער פּראָקוראָר, לייענט אונדז אייער קלאָגע.

פּראָקוראָר

הויכע שופטים, איידללייט און מיין אָרעם, אָרעם פאָלק.
איך הייב אויף מיין קול אָנצוקלאָגן,
דעם פינצטערסטן פאַרברעכער פון אַלע טעג און יאָרן,
ניט אין נאָמען פון גערעכטיקייט,
ניט אין נאָמען פון די פאַרוואָגלטע וואַנדערער,
וואָס בלאָנדזשען אַלץ נאָך אַרום אויף פרעמדע וועגן,
אַפילו ניט אין נאָמען פון די קדושים,
וואָס האָבן אָנגעפילט די קברים,
נאָך איידער עס איז זיי קלאָר געוואָרן,
ווי פינצטער עס קען זיין די פינצטערניש,
און ווי ליכטיק עס וואָלט וועלן זיין דאָס ליכט,
פאַר זיי — קען זיין — איז טויט אַליין שוין טרייסט.
איך רייד אין נאָמען פון דער צייט,
וואָס ליגט און ראַנגלט זיך אין ווייטיק און אין פּיין.
איך רייד פון שליחות פון דעם מענטשן־מין,
וואָס איז איצט פאַרטרונקען אין פאַרקילטן בלוט,

די שליחות וואָס טרייבט און רייסט דעם מין,
אַוועק פון שורש חיה אַרויף צו העכער,
צו דעם אומבאַוואוסטן ציל — צו גאָט.
ווייל זיין פרצוף איז ווייט נאָך פון אַ צלם אלקים.
וואָס פאַר אַ שטראָף זאָל איך פאַרלאַנגען
פאַר דעם ,וואָס האָט מיט גראָבע הענט
געשטערט די לאָגיק פון געשיכטע,
האָט אַריינגעלייגט זיך אין אינגעווייד פון צייט,
ווי אַ פוילע שפייז און האָט אָנגעהויבן
פוילן, אייטערן, ביז דער סם
דעם גאַנצן גוף האָט אָנגעפילט מיט פעסט און שטאַנק,
פאַרלענגערט האָט ער די ווייען פון ווערן און פון וואַקסן
און אַרויסגערוקט דעם ציל פון גאַנצקייט
ווייט אַרויס, וואו ס׳אויג דערגרייכט אים קוים,
מיט אַ גראָבער האַנט האָט ער אָנגענומען
אַ צערודערט שטיקל צייט, ער,
דער פאַרטעמפּטער און אויסגעליידיקטער,
דער שרייענדיקער שטומער,
וואָס קען דעם ליכט אין אויג ניט קוקן —
ער האָט גענומען אַ צעוויטיקט שטיקל צייט
און צוריקגעשליידערט אין דער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט,
און געשטופּט אין קויט די מענטשלעכע השגות.
דער דראַנג אַרויף איז געוואָרן דער דראַנג צו קריכן
אין דעמזעלביקן טראָט,
וואָס קריכט אַ פויזנדיקע חיהלע,
איך קלאָג אָן אין נאָמען פון אַ מענטש,
וועמענס נאָמען ער האָט פאַרשוועכט ;
איך קלאָג אים אין נאָמען פון אַ וועלט,
וואו ער האָט אַ פלעק פון שמוץ געלאָזט ;
איך קלאָג אים אָן, דעם אשמדי,
וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ קעניגס טראָן
און האָט געוועלטיקט נאָר מיט בלוט און האַס.

(פאַרנייגט זיך)

ר' מרדכי

ווער האָט רעכט צו שטראָפֿן פֿאַר פֿאָלק?
איך פֿרעג ביי אייך דאָס, הויכע, קלוגע
און ווירדיקע שופֿטים?
ווער האָט רעכט צו שטראָפֿן אין אַ וועלט,
וואָס איז פֿול מיט שוואַכקייטן און מיט זינד?
איר קאָנט דעם אָנגעלייגטן יחיד אַליין ניט משפּטן,
ווייל וואָס דען איז דער יחיד אַליין און דאָס פֿאָלק?
איז ניט אַלצדינג וואָס ער איז דאָס אייגנטום פֿון פֿאָלק?
אויב איר ווילט דעם יחיד קלאָגן, קלאָגט דאָס גאַנצע פֿאָלק.
אַריבער טויזנט יאָרן וואוינען מיר שוין זייט ביי זייט.
ס'איז אַ וועלט אַרום אונדזביידן אויסגעוואַקסן,
אינאיינעם האָבן מיר זיך אויסגעקלערט און אויסגעלייטערט,
ניט איינמאָל האָט אונדזער בלוט באַגאָסן דעם וועג צום העכערן מין.
חרטה און מחילה פֿון ביידע זייטן האָבן צוגעגרייט די יאָרן.
פֿון בליאונג און פֿון שטילן פֿרידן.
אויב אונדזער איז די קריוודע, זיינען גרייט מיר פֿאַר מחילה.

(ביי דער טיר ווערט אַ טומל, עס הערט זיך פֿון דאָרט אַ קול:)

קול

איך מוז אַריין, לאָזט מיך אַריין!

הויפּט־ריכטער

ווער שטערט עס דאָרט די אָרדענונג פֿון פּראָצעס?
(דער טומל ווערט גערדיכטער)
ווער איז עס דאָרט וואָס וויל אַריינגיין?

וועכטער

עס איז איינער, וואָס עס קען אים דאָ דאָס פֿאָלק
ווי דעם בלינדן בעטלער.

חלפֿתּא

איך מוז אַריין!

הויפּט־ריכטער

לאָזט אים אַריין.
(חלפֿתּא געפֿירט פֿון יינגל קומט אַריין און גייט צו צום פּאָדיום פֿון הויפּט־ריכטער).

חלפתא

ווער זאָגט אַז מיר זיינען גרייט צו מחילה? (עס ווערט שטיל פאַר אַ ווײַלע).

ר' מרדכי

מיין חלפתא!

חלפתא

מחילה גאָר?

הויפּט־ריכטער

ביסטו אַ ייד?

חלפתא

וואָס דען בין איך?

דאָס פאָלק

אַ ייד גאָר! — ניט דער בלינדער בעטלער? — אַ ייד!

הויפּט־ריכטער

ווער גיט דיר דאָס רעכט צוריידן פאַר אַלע. ווער ביסטו?

חלפתא

אַ פּשוטער יידישער בחור. אַ ייד פון אַלע טאָג.

הויפּט־ריכטער

וואָס מיינט ער?

חלפתא

אָט, אַ ייד פון נעכטן, אַ ייד פון היינט, אַ ייד פון מאָרגן, אַ ייד פון אַלע טעג, אַ ייד אַ פּשוטער.

הויפּט־ריכטער

און וואָס ווילטסו, פּשוטער ייד, פאַר אָט דעם געריכט?

חלפתא

איך וויל אָפּ מיינע יידן. (שטרעקט אויס די האַנט) גיט מיר אָפּ מיינע יידן.

הויפּט־ריכטער

פון וועמען מאָנסטו דאָס?

חלפתא

איר זייט דאָך די וועלט. (מיט כעס, שרייט) איך וויל אָפּנעמען מיינע יידן. גיט מיר אָפּ מיינע יידן!

הויפּט־ריכטער

ווי איך זע, פֿאַרשטייסטו ניט. מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַן ענין וועגן אַ פֿאַרברעכער, וואָס האָט געזינדיקט קעגן אַ וועלט, ניט נאָר קעגן דיין פֿאָלק.

חלפֿתּא

פֿאָלק, פֿאָלק געזינדיקט, דאָס זיינען דיבורים, רייד, וואָס איך פֿאַרשטיי ניט. איך וויל יידן, מיינע יידן וויל איך. אַזויפֿיל האָט מען געהרגעט, אַזויפֿיל האָט מען געטריבן זיך אָנטאָן אַ מיתה, אַזויפֿיל האָט מען פֿאַר־מוטשעט אין די ברוינע קעלערס, אַזויפֿיל און אַזויפֿיל אויסגעסמט, אויסגעקוילעט, פֿאַרברענט, — דערציילט מיר ניט פֿאָלק; איך וויל יידן: געצל, זיסל, חיים, גיטל, משה, מרדכי, בלומע, פֿייגע, חנה, זיי זיינען ניט פֿאָלק, זיי זיינען יידישע מענטשן. איך וויל די גאַנצע אָרעמס פֿאַר די אויסגעבראָכענע, גאַנצע פֿיס פֿאַר די לאָמע, געזונטע אויגן פֿאַר די בלינדע, געזונטע יאָרן פֿאַר די יאָרן פֿון קרענק און ביטערניש. איך וויל האָבן מיינע יידן אַזויווי זיי זיינען געווען! (שוייגן)

פּראָקוראָר

דאָס איז אַ גערעכטע טענה.

הויפּט־ריכטער

ווי דענקט איר, מיינע גערעכטע ריכטער, קען מען דעם פֿאַרלאַנג צולאָזן אַלס אַ טייל פֿון דעם פּראָצעס?

די איבעריקע ריכטער

(ריידן צווישן זיך אין דער שטיל).

ר' מרדכי

אדוני ריכטער, איר מוזט מיך הערן איידער איר קומט צו אַ באַשלוס. דער עדות איז קיין עדות ניט, ער איז אַ נוגע בדבר. דאָס איז אַ גע־זעצלעכער פּראָצעס, וואָס פֿירט זיך לויט אַ שטייגער, וואָס איז דורות אַלט. די פֿאַראומגליקטע זיינען שוין פֿאַראומגליקט און די פֿאַר־לוירענע זיינען שוין פֿאַרלוירן.

חלפֿתּא

אויב אַזוי, פֿאַרלאַנג איך שן תחת שן, עין תחת עין. דאָס איז מיין געזעץ און דאָס געזעץ פֿון דער תורה. איך פֿאַרלאַנג דעם טויט פֿאַר די וואָס האָבן אויסגעהרגעט מיינע יידן.

צווישן עולם

(אַ טייל זיינען דערפֿאַר, אַ טייל דאַדעגן, אָבער אַלע שרייען „טויט״).

ר׳ מרדכי

איז שוין ניט צייט צו געדענקען אז נאָר גאָט אַליין האָט אַ רעכט צו טויטן?

חלפתא

(מיט עקשנות) עס איז אַ דין, עס איז אַ דין, ר׳מרדכי.

ר׳ מרדכי

אויב דו שטעלסט זיך אויף אַ דין, איז פאַראַן נאָך אַ דין. דו ביסט נאָר אַן עדות. מען קען ניט דן זיין חייב מיט איין עדות.

חלפתא

(לאַכט) עדות. — נאָך ווייניק עדות פאַראַן. (רופט) עדות! קומט אַהער!

ר׳ מרדכי

ווער פון אייך וועט גיין זאָגן עדות קעגן אַ שונא, וואָס איז אַ געשלאָגענער? ווער וועט וועלן אַז די זון פון מחילה זאָל אויפגיין איינגעטונקט אין פריש בלוט?! ווער וויל אויף זיך נעמען די אחריות פון נקמה?

חלפתא

וואו זייט איר, עדות? (שווייגן) ווער וויל אַז דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט זאָל אייביק שרייען אין זיינע אויערן? ווער פון די, וואָס האָט געזען צעבראָכענע פיס, אויסגעדרייטע הענט, צעשפּאָלטענע שאַרבנס, געהערט ווי די געשרייען זיינען געגאַנגען עד לב השמים, קען זאָגן לא ראיתי ולא שמעתי? אסתר! אסתר! וואו ביסטו?

אסתר

(שפּאַרט אַן דעם קאָפּ אַן פּעטערס אַקסל און וויינט פון האַרצן).

חלפתא

יינגל! יינגל! וואו ביסטו? דיין שוועסטער איז געוועזן אַ קרבן פון די ווילדע חיות!

דאָס יינגל

(וויינט אויך, אָבער ער שווייגט).

חלפתא

מיין פריינט אין דער פינצטערניש, מיין וועגווייזער, וואו ביסטו?

דאָס יינגל

(וויינט און שווייגט).

הויפּט־ריכטער

איז נאָך אַן עדות ניט פאַראַן?

חלפתא

זיי ווייסן אַלע און שווייגן, דער באַשולדיקטער וועט ניט שווייגן. זאָל מען אים ברענגען.

(מען וואַרט אויף דעם ריכטערס באַשלוס).

פּראָקוראָר

דאָס איז אַ געדעכטער פאַרלאַנג.

ר׳ מרדכי

ער אַליין איז אַ פּסולער עדות. איך פּראָטעסטיר!

חלפתא

ער קען זיך מודה זיין. ער וועט מוזן!

הויפּט־ריכטער

וועכטער, ברענגט דעם באַשולדיקטן (עס ווערט אויף דער בינע נאָך פינצטערער. — אַ פּויזע — עס קומען אַריין פיר מענער אַזוי הויך ווי די טורעמס און אינמיטן צווישן זיי גייט דער קליינער עלטסטערל, וואָס איז איצט ניט גרעסער ווי אַ זעקס־יאָריק יינגל).

דער עולם

וואו איז ער? וואו איז ער? . . . אָט דאָרט אַ, זעסט אים ניט? . . . אוי, ווי קליין! אַמאָל האָט ער אויסגעוויזן אַזוי גרויס.

הויפּט־ריכטער

אָרדענונג! (בייגט זיך אַריבער) ווער ביסטו? — (קיין ענטפער) וואָס איז דיין נאָמען? — (קיין ענטפער).

וועכטער

מען רעדט צו דיר, פאַרוואָס ענטפערסטו ניט? וואָס איז דיין נאָמען?

עלטסטערל

בע — בע — בע —

וועכטער

ער קען ניט ריידן.

הויפּט־ריכטער

דו ווערסט באַשולדיקט, אַז דו האָסט געפירט צום טויט פון טויזנטער מענטשן. מען מאָנט ביי דיר דיין וחשבון. ביסטו שולדיק אָדער ניט?

(שווייגן) ביסטו שולדיק, אָדער ניט?

עלטסטערל

בע — בע — בע —

חלפתא

ענטפער. וואו זיינען דיינע רייד פאַרשוואונדן, דו פוסטער שרייער?!

עלטסטערל

בע — בע — בע —

ר׳ מרדכי

הויכער בית דין, עס איז קיין עדות ניטאַ!

חלפתא

(קלאַפּט מיט דעם שטעקן אַן דער ערד).

אַן עדות! אַן עדות! וואו זייט איר, געבראַכענע, געלומטע, צעשראַקענע און געפּלעפּטע? אַן עדות וויל איך! זאָלן יידישע ליידן ניט פאַרלייקנט ווערן! האָט רחמנות אויף יידישע ווייטיקן! איך וועל די קברים אויפרייסן און די טויטע ברענגען! אַן עדות וויל איך!

(אין דער טיפער פינצטערניש, וואָס איז געפאַלן אויף דעם גאַנצן משפט באַוויזט זיך אַ ליכט ביי דער טיר. דער גאַנצער עולם קוקט צו דער טיר. פון דער פאַרמאַכטער טיר קומען אַרויס, אַרומגערינגלט מיט אַ שיין פון ווייסן ליכט די צווי פיגורן פון מאַזעס און דעם מיידל, וואָס גייען ביז צום פאַדיום).

ר׳ מרדכי

די טויטע! (פון עולם רייסט זיך אַרויס אַ מוראדיקער אויסגעשריי. עס ווערט אינגאַנצן פינצטער. עס פאַלט דער

פ אַ ר ה אַ נ ג

פורים

(די סצענע איז די זעלביקע, וואו עס הענגט **שוראך פון באלדאך**. ווען מען ציט אויף דעם פאָרהאַנג, כאַפּט ער אַ דרימל אויף דער תליה און שנאַרכצט גאַנץ געשמאַק, ערגעץ ווייט שפּילן קלעזמער דאָס לידל: „גאָט איז איינער״ פון ערשטן אַקט. **ייִנגלעך** לויפן איבער דער בינע פון לינקס פאַרנט ביז רעכט אין הינטערגרונט).

ייִנגלעך

קלעזמער! קלעזמער! וואו . . . וואו? דאָרט. (זיי לויפן אַוועק. דאָס ייִנגל קומט צולויפן).

ייִנגל

וואו זיינען די קלעזמער? (ער לויפט נאָך די אַנדערע).

חלפתאס קול

ייִנגל! ייִנגל! ייִנגל! וואו ביסטו? (ער קומט אַריין. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַן אַפּיצערסקע היטל און אויפן פּלאַץ פון דער קאַפּאָטע, טראָגט ער אַ יעדנעראַלסקע בלוזקע מיט מעדאַלן) **ייִנגל! ייִנגל! אַזאַ שייגעץ. לאָזט מיך איבער אַליין. — אַהער גיי, זאָג איך דיר! — וואו ביסטו?** (עס לויפן פאַרביי מיידלעך, ייִנגלעך שרייענדיק: „קלעזמער! קלעז־מער!״ זיי וואַרפן שיער חלפתאן ניט אום). **אַזעלכע באַסיאַקעס, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין קלעזמער ניט געהערט.** (קאַטי לויפט אַריין).

קאַטי

וואו זיינען דאָס די קלעזמער? (דערזעט חלפתאן). **אוי, וואָס זעען מיינע אויגן, חלפתא!**

חלפתא

(קאָרעגירט) **יעדנעראַל חלפתא. איז דאָס קאַטי?**

קאַטי

טייערער חלפתא, דאָס בין איך דאָך! (וואַרפט ביידע הענט אַרום אים).

חלפתא

גיב אַכטונג. יע, דאָס איז קאַטי.

קאַטי

דערקענסט שוין קיין מענטשן ניט ?

חלפתא

זעסט ניט מיינע אויגן ?

קאַטי

אוי, ווייַ איז מיר. ווי האָב איך דאָס געקענט פאַרזען, חלפתאנקע ! (און צעוויינט זיך).

חלפתא

שוין, שוין. (ווישט זיך אויס די אויגן) אוי, חלפתא קרויז, וואָס זיי האָבן פון דיר געמאַכט, די באַנדיטן.

חלפתא

מאַכט ניט, עס איז גאָרניט. און וואָס מאַכסטו עפעס, קאַטי ?

קאַטי

יאָ, וואָס זאָל איך דיר דערציילן, חלפתא טייערער ? איך האָב זיך דאָך מגייר געווען, און איך הייס שוין גאָר שרה. איך זאָג דיר, אַז זייט איך געדענק, האָט זיך מיר געוואָלט הייסן שרהלע.

חלפתא

אַ טייערער נאָמען. האָסט אים כשר פאַרדינט.

קאַטי

גיי אַוועק. הייבסט שוין אָן מיט דיינע שטיק. איז, וואו זשע גייסטו איצט ?

חלפתא

אַז איך האָב זיך געלאָזט גיין צו ר׳ מרדכין, איז דאָס יינגל וואָס פירט מיך, אַוועק צו די קלעזמער. (זיי גייען אַוועק.)

(דער קלאַנג פון מוזיק פאַרטראָגט זיך ערגעץ ווייטער. עס קומען אַריין דער פעטער טייטש פירנדיק אויף אַ שטריק דעם הויפּט-טראַכטער, דעם הויפּט-ריידער, דעם הויפּט-קנאַקער און דעם עלטסטן. דעם צווייטן עק פון שטריק האַלט דער מאָגערער טייטש).

קנאַקער

ווי ווייט איז עס נאָך צו גיין ?

מאָגערער

וועסט שוין זען פאַרטיקערהייט. אַ נייער מיוחס.

קנאַקער

איך בין אַ שווער מענטש, ווייל איך זאָלסטו וויסן.

ריידער

איין קלייניקייט, דיין יחוס, פרעג שוין ניט.

קנאַקער

געפעלט דיר אפשר ניט מיין יחוס? און פונוואַנען קומסטו?

מאַגערער

אַט האָסטו דיר די צווייטע טעג יום־טוב.

פעטער

שאַט, קריגט זיך ניט. אַט דאָ איז עס.

קנאַקער

אַט דאָ אַ? עס הענגט דאָך שוין דאָרט איינער.

פעטער

פאַסט דיר ניט?

מאַגערער

איר וועט זיך שוין שפּעטער אויסטענהען. מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. וועמען נעמט מען פריער?

פעטער

אַט דעם, וואָס קען שוין אויף די פיס ניט שטיין.

קנאַקער

אָבער אַלע מאָל מוז איך זיין דער ערשטער.

מאַגערער

אַ דאגה דיר, לאָז דיינס איבערגיין.

קנאַקער

(בעט זיך) מיט רחמנות.

פעטער

איין קלייניקייט, ביי מיר גייט עס גאָרניט אַנדערש. (לייגט אים אַרויף די פּעטליע) גייט עס! עה — (זיי שלעפּן אים אַרויף און בינדן צו דעם שטריק) איצט קום דו, דו גרויסער טראַכטער.

טראַכטער

איך זאָג שוין גאָרניט. עס איז קלאָר, אַז איך בין זיך מקריב פאַר מיין נאַציאָן.

מאַגערער

דו הערסט רייד. (זיי בינדן אים און שלעפּן אים אַרויף) גייט עס — עה — איצט די צוויי.

ריידער

איך פּראַטעסטיר! עס איז אַ בזיון.

מאַגערער

וואָס מאַכסטו פאַר פוילע שטיק. בעסער קום מיט גוטן.

ריידער

איך גיי, אָבער אונטער פּראָטעסט! (זיי הענגען אים אויף).

פּעטער

איצט קומסטו, באַלעבעסל.

מאַגערער

העי, אַ ביסל דרך־ארץ — האָסטו עפּעס צו זאָגן?

עלטסטער

גאָרניט מער. (זיי הענגען אים אויך אויף).

פּעטער

הערט זשע, חברה. איך וויל אייך זאָגן עטלעכע ווערטער. אָט ער און איך דאַרפן דאָ שטיין און אייך היטן ביז איר ווערט פאַרטיק. איר ווייסט דאָך וואָס איך מיין — כּיק. נאָר אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. הערט זשע, מיר וועלן זיך צוזעצן דאָ ניט ווייט און נעמען עפּעס אין מויל אַריין. גיט אַכטונג. מער וויל איך ניט ריידן. (ער און דער מאַגערער גייען אַוועק אויף רעכטס).

באַלדאַף

(כאַפּט זיך אויף, גענעצט, שטרעקט זיך) אַ, געכאַפּט אַ דרימל אַ ביסל. זע — שכנים (דערקענט זיי) אַזוי גאָר? איבערגעקומען אויף מיין שטייגער?

אַלע

(אַ.חוץ דעם עלטסטן) ער איז דאָס שולדיק. ער איז דאָס שולדיק. ער איז דאָס שולדיק. (עס ווערט אַ טומל).

באַלדאַף

שאַ. (האַלט זיך צו די אויערן) ניט אַלע מיטאַמאָל. ווי דאָס האָט זיך צערעדט. (דער מאַגערער קומט צוריק מיט אַ פולע מויל שפּייז).

באַגרער

האָסטו געהערט קולות? (זיי שווייגן. ער גייט צוריק אַוועק).

ריידער

ער איז דאָס שולדיק. (ווייזט אויפֿן קנאַקער).

קנאַקער

אַז ביי אים פֿאַרמאַכט זיך ניט דאָס מויל אויף אַ מינוט.

ריידער

דו רעדסט נאָך, ער רעדט נאָך. (זיפֿצט אָפּ) אוי, ווי איז מיר, אויף וואָס איך בין איבערגעקומען.

קנאַקער

וואָס פֿאַר אַ מיוחס ביסטו מער פֿאַר אַלעמען. האָסטו געהערט אַ מעשה? (עס ווערט שטילער, נאָר דער קנאַקער האַלט אין איין בור־טשען) האָסט געהערט אַ מעשה — אַ מיוחס גאָר. . . . עס שטייט דיר אפֿשר ניט אָן? . . . נאָ דיר אַ נייעם מיוחס. — פֿאַני מונדשטיק — וואָס האַלטסטו ניט קיין רעדע? —

ריידער

(ברומט אונטער דעם אָנהייב פֿון אַ לידעלע)

אוי, פֿינצטער איז מיין דאַליע אָן אַ ברעג —

קנאַקער

זינגען גלוסט זיך אים גאָר . . . (ער בורטשעט ווייטער) לידלעך — אַ גאַנצער פּאָעט . . .

ריידער

אוי, פֿינצטער איז מיין דאַליע אָן אַ ברעג,

אַ וויסטער אומגליק, ווי איז מיר, איז פֿאַרלאָפֿן מיר דעם וועג.

קנאַקער

זע ווי די פּאָעזיע האָט זיך אין אים צולאָזט.

וואָס מאַכסטו אַזאַ טומל? וואָס איז דאָס דיין עסק אַז ער זינגט?

באַלדאַך

(דער טומל ווערט אַן אַלגעמיינער: „ניט זינגען! ניט זינגען!" — ביז דער פּעטער תּליון קומט אַרויס).

פּעטער

שאַ! שטיל זאָל מיר זיין! (עס ווערט שטיל.) זינג, ברודערל, אויב עס טוט דיר ווי, זינג זיך אַראָפּ פֿון האַרצן.

ריידער

(זינגט ווייטער.)

אויף אַלע סטעזשקעס און אַלע וועגן,
סיי געגאַנגען, סיי געלעגן,
אוי פינצטער איז מיין דאָליע אָן אַ ברעג.

אַ מאַמע אַ געטרייע האָב איך געהאַט,
אַליין מיך אויסגעכאָוועט, געמאַכט פון מיר אַ לייט.

פעטער

(שפּאַרט זיך אונטער די רעכטע באַק מיט דער דלאָניע, פאַרמאַכט די אויגן און חזרט איבער מיט גרויס התפעלות:)

אַליין מיך אויסגעכאָוועט און געמאַכט פון מיר אַ לייט.

ריידער

אויסגעזויגן און אויסגעכאָוועט
אָנגעזאָטלט און אָנגעקאָרמעט,
אַ מאַמע אַ געטרייע האָב איך געהאַט.

פעטער תליון

(חזרט איבער. פונדאַנען אָן ביז צום סוף פון ליד, חזרט ער כסדר אי־בער די צווייטע שורה. עס קומען אַ גרופּע קינדער און בלייבן שטיין צוצוהערן זיך צום געזאַנג. זיי פאַרמירן זיך אין גרופּקעס פון פיר און טאַנצן אויס דאָס ליד.)

ריידער

ווען מיין מאַמע וואָלט מיין בראָך אָט דאָ געזען,
געיאָמערט וואָלט זי, ווי איז מיר, מיט ביטערן געוויין.
אויסגעקלאָגט און אויסגעבעטן
גישט פּאָר שטריק און נישט פּאָר קייטן,
ווען מיין מאַמע וואָלט מיין בראָך אָט דאָ געזען.

ווי גוט בין איך צום ווייבל אויך געווען.
געגעבן איר פון אַלעם גוטן, וואָס רייך איז און וואָס אָרעם,
אַ קאַרעטע אויף שפּאַצירן
סיי פון מיינעם סיי פון אירן,
ווי גוט בין איך צום ווייבל אויך געווען.

די קינדער האָב איך אויך פאַדאַוועט אַלץ,
אַלע שמדן נאָכגעגעבן, צעריסן זיי דעם האַלדז.
פרעמדס סיי אייגנס פאַרגעניגן,
וואָס איך האָב געקענט נאָר קריגן,
קינדער האָב איך אויך פאַדאַוועט אַלץ.

חברים שלעכטע האָבן מיך גענאַרט,
געשוואָרן אייביק פריינטשאַפט מיר און אויף מיין סוף געוואַרט,
כסדר ביי מיין טיש געזעסן,
אָנגעזשליאָקעט, אָנגעפרעסן,
חברים שלעכטע האָבן מיך גענאַרט.

געמיינט האָב איך עס האָט מיר אָפּגעגליקט,
גאָלדענע געשעפטן, נעבעך, האָבן מיך דערשטיקט.
מזל וברכה, גרויסע גליקן,
סיי צום וואָרגן, סיי צום שטיקן,
געמיינט האָב איך עס האָט מיר אָפּגעגליקט.

און וואָס וועט זיין מיין סוף דאָ, ווייס איך ניט.
געבליבן הענגען אויף אַ ווענדטקע בין איך אין דער מיט.
נישט געזעסן, נישט געגאַנגען,
אויפגעצויגן, אויפגעהאַנגען,
וואָס וועט זיין מיין סוף דאָ ווייס איך ניט.

באַלדאַך

אַ פלאַגיאַטאָר ביז צום סוף.

פעטער

שטיל זאָל מיר זיין! האָסט ביי אים אַ טענה.

קנאַקער

(זינגט)

צי איז ניט אַ רחמנות, זאָגט אַליין,
—איך פרעג ביי אייך, איר גוטע מענטשן —
אויף מיר און מיין געביין?
אַ יונגער בוים קען יאָרן האָבן
אויסגעהאַקט און טיף באַגראָבן,
צי איז ניט אַ רחמנות, זאָגט אַליין.

פעטער

חברה, מען גייט. (עס קומען די קלעזמער שפּילנדיק דאָס „פריילעכס" פון ערשטן אַקט און אַ מאַסע טענצער וואָס האָפּקען זיך.)

אַ טענצער

אָט גייט דאָרט אונדזער חלפתא! (זיי לאָזן זיך נאָך אים און ברענגען אים אַריין טאַנצנדיק. חלפתא טאַנצט אויך).

באַלדאַך

אָט איר זעט, חברה? אויף דעם זייט איר איבערגעקומען.

פעטער

שווייגט דאָרט, איר געהאַנגענע, דרך־ארץ פאַר אַ יעדנעראַל!

חלפתא

וואָס טוט זיך דאָ?

פעטער

עס איז אַן אומגליק מיט די געהאַנגענע, פאַני יעדנעראַל. זיי דאַרפן דאָס שטאַרבן און ניט פון אָרט.

חלפתא

וואָס פאַרשטייסטו ניט? זיי זיינען דאָך טייטשן. (שטעלט זיך אַוועק אין פּאָזיציע) געהאַנגענע, האָפּטאָך? (אַלע געהאַנגענע ווערן שטייף און שווייגן.) גיי, גיב אַ קוק צי זיי הענגען גלייך.

פעטער

(מעסט זיי אָפּ פון אַ זייט) אַלע גלייך, הער יעדנעראַל.

חלפתא

(קאָמאַנדירט) געהאַנגענע — שטאַרבט! (די געהאַנגענע פאַרוואַרפן מיט די קעפּ און שטאַרבן) קלעזמער שפּילט אַ זמרל. (זיי נעמען שפּילן דאָס לידל נאָכאַמאָל) ניט דאָס, עפּעס אַנדערש. (די קלעזמער נעמען שפּילן דעם „תפילה־טאַנץ". דער כאָר פון פאָלק זינגט מיט און פאַרמירן זיך אין אַ קייט, געפירט פון חלפתאן. עס איז לאַנגזאַמער טאַנץ, וואָס ציט זיך אין אַ קייט אַריבער דער בינע און אַרויס, פון רעכטס נאָך לינקס. אַ טייל פון כאָר איז פאַרטיילט צווישן פובליקום און זינגט מיט, די קייט טאַנצט אַרויס פון רעכטס און גייט אַרונטער אין פובליקום אַריין. די כאָריסטן וואָס זיינען פאַרטיילט אין פובליקום

שליסן זיך אָן צו דער קייט וואָס ציט זיך פון לינקן דורכגאַנג הינטן אַרום צום רעכטן דורכגאַנג און אַרויף צוריק אויף דער בינע. נאָר די קלעזמער בלייבן אויף דער בינע און שפּילן).

דאָס טאַנץ־ליד

אבינו מלכנו בטל מעלינו כל גזירות קשות!
אבינו מלכנו בטל מחשבות שונאינו
אבינו מלכנו הפר עצת אויבינו
אבינו מלכנו כלה כל צר ומשטין מעלינו!

(דער כאָר האָט זיך פאַרצויגן אין הינטערגרונט. מען הערט דעם געזאַנג נאָר אין פּיאַנאָ.)

חלפתא

(צום פּובליקום) **איצט, יידן, אַ גוטן פּורים איך אַלעמען. יינגל! יינגל!** (לאָזט זיך אַוועקגיין, קערט זיך אום, איז אין פאַרלעגנהייט) **איך ווייס, יידישע קינדער, עס פאַרדריסט אייך וואָס איך בין בלינד געוואָרן. האָט זשע ניט קיין עגמת נפש. דאָס בין איך נאָר בלינד אויף קאַטאָוועסן. אַזוי גיך ווי דער שפּיל לאָזט זיך אויס, ווער איך צוריק זעענדיק.** (לאָזט זיך גיין, קומט ווידער צוריק) **יאָ, דאָס איז אַ סוד. מאַזעס איז טאַקע אויך ניט געשטאָרבן. ער איז גאָט צו דאַנקען געזונט, און מיר וועלן איבערגיכן האָבן אַ קנס מאָל. און אַפילו דאָס מיידל איז אַ גאַנץ וואוילע יידישע טאָכטער. דערווייל האָט מיר אַ גוטן תמיד, איר און אַלע יידן, אָמן. און לאָמיר מאַכן פון אַן אלט לידעלע אַ נייס:**

נעמט אַלע המנס און וואַרפט זיי אַרויס,
פּורים ביי יידן לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס.

(ער בלייבט שטיין מיט אַ שמייכל אויפן בלינדן פּנים).

(פּ אָ ר ה אַ נ ג)

ביים סוף פון האַנט־געשריבענעם מאַנוסקריפּט, נאָך דעם לעצטן איבער־שרייבן, געפין איך אַט די נאָטיץ: „דעם 13טן סעפּטעמבער 1935, פּונקט אַ יאָר נאָכדעם ווי איך בין אַוועק אין שפּיטאָל אַ שווער־קראַנקער. דאַנקען גאָט דערפאַר.״ און עס איז אמת. דאַנקען גאָט פאַר דעם יאָר אַנדערט־האַלבן פון קרענק, אויב ניט וואָלט דאָס ביכל ניט געשריבן געוואָרן. אפשר ניט קיין גרויסער שאָדן, אָבער אַ נפשל איז עס. און געלעגן וואָלט עס אין הינערפּלעט פון גוטן ווילן און אַ פאַרהאַוונטן שווער שטיקל פּרנסה. ווייל אין אמתן איז דער קערן־געדאַנק פאַר דער אַרבעט געבוירן געוואָרן אין אַן אָוונט אין שפּעט־האַרבסט פון 1932.

אין יענע יאָרן, ווען פאַשיזם איז נאָך געווען אַ מין פּאָליטישער צירקוס, פון וואָס ליבעראַלן האָבן געשפּאָט און רעאַקציאָנערן האָבן זיך פאַרכלינעט, ווען מוסאָליני און היטלער האָבן געשטשירעט מיט די ציין אַריבער די אַלפּן־בערג, און אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן האָט מען גע־וואָרט יעדן טאָג אויף דעם קראַך אין רוסלאַנד, און פּאָליטיקער פון ביידע זייטן ים האָבן זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט צו מלמד זכות זיין אויף דייטשלאַנד, — איז מיר אין יענעם אָוונט מיט אַמאָל קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי די פּאָליטישע פּאַרמאַציע פון דער וועלט וועט זיך לסוף אויסקאָכן. געוואָלט האָט זיך מיר שרייבן אַ מין בוך מיט פּאָליטישער נבואה־זאָגעריי, וואָס זאָל וואָרענען די וועלט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, כאָטש ביי זיך בין איך געווען זיכער, אַז דער קראַך מוז קומען סיי ווי. עס האָט מיך נאָר פאַרדראָסן די גלייכגילטיקייט פון אַ וועלט מיט מענטשן. ווען איך האָב גערעדט מיט נאָענטע וועגן דעם, האָט מען מיך אָנגעקוקט און געשוויגן, ווי ווען איך וואָלט ניט געווען מיט אַלעמען. האָב איך דער־פאַר באַשלאָסן דאָס אַריינצולייגן אין אַ דראַמע.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך מיר געוואָלט נעמען נקמה אָן די מחבלים אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן בושעווען. איז

מיר געקומען דער געדאַנק פון אַ גראַטעסקן מאָדערניזירטן פורים־שפּיל אויף אַ ברייטער קאַנווע. דעם ווינטער פון צוויי און דריי און דרייסיק האָב איך אָנגעהויבן שרייבן די לידער פאַר דעם שפּיל. אין האַרבסט פון פיר און דרייסיקסטן יאָר, ווען איך בין קראַנק געוואָרן, איז די דראַמע געווען אין גאַנצן אַ געפּלאַנטע און צום טייל געשריבענע. ווי זי איז דעמאָלט געפּלאַנט געוואָרן, אַזוי איז זי פאַרענדיקט געוואָרן, און אַזוי איז זי געגאַנגען צום דרוקער. אין דער אַרבעט האָט מיך לסוף דער יידישער פאָלקלאָר מער פאַרכאַפּט ווי די פּאָליטיק, און די פּאָליטיק איז בלויז פאַרבליבן אין איין סצענע, אין ערשטן אַקט, ווען דער „עלטסטער" באַראָט זיך מיט זיינע „אַדיוטאַנטן". אָט די סצענע איז געשריבן גענוי לויט דער נאָטיץ פון יענער נאַכט אין האַרבסט פון צוויי און דרייסיקסטן יאָר.

איצט, דער פאָלקלאָר. אַ געוויסע צאָל פאָלקסלידער, וואָס זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון קאָנצערטיסטן און זאַמלער, האָבן ביי אונדז דער־גרייכט ליטעראַרישן סטאַטוס. זייער פיינפּט־קלאַסיקע ליטעראַרישקייט באַ־רעכטיקט זיי דערצו, אָבער זייער סטאַטוס ווי פאָלקסלידער איז זייער אַ ניט זיכערער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס פילט זיך אין זיי אַזוי שטאַרק דער פרעמדער איינפלוס, רוסישער און צום טייל אויך דייטשישער. אפילו ווען דער אינהאַלט איז עכט־יידישלעך, איז אָפט די פאָרם אַ צו ראַפינירטע לויט דער פשטות פון דעם אמת היימישן יידישן ליד. די פשוטע היימישע פאָלקסלידער זיינען אפשר ניט געווגוג ליטעראַריש אין פאָרם און גראָב־מגושמדיק אין אינהאַלט, אָבער נישט־אינטעליגענטקייט ברענגט זיי נענטער צו מיין אייגענעם געשמאַק.

פאַר מיינע מוסטערן אין שרייבן די לידער אין בוך האָב איך אויס־געקליבן אָט די לידער, וואָס איך האָב געהערט אומגעפער פון מערב־גאַליציע ביז טיף אין רומעניע. דאָס נעמט אַריין דעם גאַנצן יידישן שפּראַך־תחום, וואָס שליסט אויך איין אומדירעקט גאַנץ אוקראַינע און בעסאַראַביע. דער וואָס איז באַקאַנט מיט די פאָלקסלידער אין יענע געגנטן, וועט די מוסטערן גלייך דערקענען. איך האָב אויך איינגעשלאָסן דעם ראָמאַנס, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון פאָלקסליד, כאָטש דער ראָמאַנס האָט שוין געווינלעך אַן אויטאָר, ווערט ער אָבער אין גיכן פאַרגעסן, און זיין פּראָדוקט גייט דורך אַלערליי מעטאַמאָרפאָזעס. אָבער נאָכמער ווייזט זיך דער חילוק אַרויס אין די מעלאָדיעס, אָנהייבנדיק מיט דער פרומער און אָרעמער

אוממעלאָדישקייט פון די וועסט־גאַליציאַנער לידער ביז צו דער רייכער כמעט סעקסועלער מוזיקאַלישקייט פון די דרום־רוסישע און בעסאַראַבישע מעלאָדיעס.

און זוכנדיק יידישן סטיל, בין איך געקומען צום יידישן טעאַטער. יאָ, עס איז פאַראַן אַ יידישער טעאַטער־סטיל. און איך מיין ניט גאָלדפאַדן, פון וועמען נאָר די לידער זיינען דערגאַנגען צום פאָלק, צוליב דער רעליגיעזער מעלאָדישקייט פון דער מוזיק. גאָלדפאַדן־טעאַטער איז געווען השכלה. אַ מין קלאָץ־בוידעמדיקער שעקספּיר איינגעטונקט אין „מאַלאַ־רוסישן" טעאַטער־פאַרן־פאָלק. יידישער טעאַטער־סטיל איז ערשט גע־בוירן געוואָרן ווען די עם־הארצים, די סופליאָרן האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן זייערע „לעבנס־בילדער". זייערע „פּיעסן" זיינען באַגייסטערט, אָדער כאָטש דיקטירט פון דעם זעלביקן דראַנג נאָך געזאַנג, פון דער זעלביקער טעמאַטיק און דעם זעלביקן אופן פון אויסדרוק ווי דאָס פאָלקסליד. „חנהלע די נייטאָרין" איז אמת יידישע פאָלקס־באַלאַדע; „דודס פידעלע" איז יידישע ראָמאַנטיק אין פאָלקס־סטיל. אָט דער סטיל האָט ביי אונדז לעגיטימיזירט שפּראַך־פאָרמאַציעס און רייד־פאָרמען, וואָס זיינען אַזוי כשר און ריין, ווי די אויסגעפוצטע ליטעראַרישע שפּראַך. אָט די שפּראַך איז היינט שוין כמעט פאַרשוואונדן, זייט אונדזער טעאַטער האָט זיך גענומען אָריענטירן אויף בראָדוויי, אָך און וויי. אָט דעם סטיל פון פאָלקס־לשון, וואָס דאָס טעאַטער האָט פאַרשאַרפט אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע צווישן טעאַטער און אַקטואַליטעט, איז יידישער פאָלקס־סטיל. דאָס יידישע דועטל מיט זיין כשרן טענצל געפינט זיך נישט אין קיין שום טעאַטער אין אַט אַזאַ פאָרם. איך האָב אָט דעם סטיל אויך אַריינגענומען.

ווען איך רייד שוין וועגן סטיל, וויל איך דאָ אויך דערמאָנען סטיל אין קאָנסטרוקציע פון דער דראַמע ווי אַ בנין. און דאָ פיל איך, דאַרף די דראַמע שטיין ניט נידעריקער פון די איבעריקע קונסטן אין אַ מאָדער־נער וועלט. איך וויל בלויז דערמאָנען פון וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צוליב פרייער באַוועגונג אין פאָרם, שטימונג און קאָליר.

איך זאָג זיך אָפּ פון געטריישאַפט צום לעבן" ווי אַ מוז, כאָטש איך באַנוץ זיך דערמיט צוליב גרעסערער באַוועגלעכקייט און פאָרם. אָבער נאָר צו מאָל. איך זאָג זיך אָפּ פון שקלאַפעריי צו „אילוזיע". מיינע לייענערס

און איך זיינען שוין צו אַלט פֿאַר די קינדער־שפּילערייען, אָבער ניט צו אַלט צו וויסן אַז די קונסטן, און טעאַטער בתוכם, איז שפּיל, שפּיל פֿון פֿאָרם, פֿון פֿאַרב, שפּיל פֿון שטימונג און אומבייט צוליב קאָנטראַסט און יוקסטאַ־פּאָזיציע.

איך זאָג זיך דערפֿאַר אָפּ פֿון דער נאַאיוויטעט פֿון „אויסגעהאַלטנקייט". עס איז אמת, אַז די אַלע „פֿרייהייטן" מאַכן די קונסט זייער קאָמפּליצירט, בפֿרט אין אַ דראַמע ווי אין דער דאָזיקער. אָבער ווי געטע האָט שוין געזאָגט, עס מאַכט ניט אויס ווי שווער די אַרבעט איז, נאָר די שווערקייט זאָל זיך ניט אָנזען אין דעם פֿאַרטיקן פּראָדוקט. איך האָב זיך באַמיט אַריינצוגיסן די אַלע „ראַפֿינאַציעס" אין די פּשוטסטע פֿאָרמען, אַז אפֿילו דער הומאָר פֿון די מיטלאַלטערלעכע תּליונים זאָל זיין פּראָסט און יידישלעך. איך האָף אַז עס איז מיר געלונגען.

ה. ד.